דער הילפס־קאָמיטעט (אָנפירער: קירא וואַסערמאַן) האָט אָרגאַניזירט הילף פאַר די ניי־געקומענע, דורך העלפן זיי לייזן די ערשטע פּראָבלעמען פון אַבסאָרבציע. די קאָ־מיסיע איז פאַרבונדן מיטן הילפס־פאָנד פון וואַנען זיי באַקומען ידיעות וועגן די נויט־באַדערפענישן פון די ניי־געקומענע.

דער הויפט־ציל: שאַפן אין מעלבורן אַ פאַרבאַנד פון ניי־געקומענע ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד — איז דערגרייכט געוואָרן. דער קלוב „שלום" איז באַקאַנט אין מעלבורנער ישוב. ער האָט אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט אַלע פירנדע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, און נעמט אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער ייִדישער קהילה אין מעלבורן.

אין דעצעמבער 1981 איז אויסגעוויילט געוואָרן א נייער קאָמיטעט, אין וועלכן ס׳זענען אריין 15 פערזאָן. פּרעזי־דענט איז מאַרק גאָלדפילד (טעל.: 850 9241); וויצע־פּרע־זידענט — סעוואַ רובינשטיין (טעל.: 527 5209); סעקרע־טאָר: וויקטאָר קאָרין (טעל.: 859 6034); רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „שלום" איז זשאַמע פלאָטקע; פאָרשטייער פון „שלום"־קלוב אין „קדימה"־קאָמיטעט איז מאיר גורעוויטש.

## קאַלענדאַר פון „קדימה"־אונטערנעמונגען אין 1981

1) 8.2.81 — רעפעראַט אין „קדימה"־טעאַטער, געהאַלטן פון מאַקס מעלמאַן, איבערזעצער פון לעאָפּאָלד טרעפּערס בוך „די רויטע קאַפּעליע"; די טעמע: „דער אמת וועגן „די רויטע קאַפּעליע; פאָרז. י. שער.

2) 22.2.81 — קולטור־אָוונט איינגעאָרדנט פאַר דעם דיכטער י. פאַפּירעניקאָוו; אין פּראָגראַם: ב. ווינער: „י. פאַפּירעניקאָוו — דער קעמפער פאַר ייִדיש"; מ. אייזענבוד: ליטעראַרישע אָפּשאַצונג; רעציטאַציעס פון פאַפּירעניקאָווס שאַפונגען: רחל בעקער, דאַניעל גריפענבערג חר׳ג, דוד רינגעלבלום; דעני קליינ־מאַן — פאַפּירעניקאָווס לידער; ביי דער פּיאַנאָ: מרים ראַכלין און אַ וואָרט פון דיכטער. נאָכן פּראָ־גראַם — א גלעזל טיי; פאָרזיצער פון אָוונט: פּיניע רינגעלבלום.

3) 8.3.81 — „ייִדישער פילם „אלי־אלי".

4) 15.3.81 — ייִדישער פילם „אלי־אלי".

5) 15.3.81 — „קדימה"־אונטערנעמונג צוזאַמען מיט דעם „שלום"־קלוב; טעמע: „סאָוויעטפאַרבאַנד אין די 80־קער יאָרן"; אָנטייל גענומען: מאיר גורעוויטש, באָריס בערעזין, באַנאַ ווינער; אין קינסטלערישן טייל: די ברידער סטאַריקאָוו; פאָרזיצער מ. אייזענ־בוד.

6) 22.3.81 — ייִדישער פילם „אלי־אלי".

7) 25.3.81 — 69־טע יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „קדימה".

8) 28.3.81 — 3־אי.עי. עטנישער ראַדיאָ־באַל פון ייִדיש־העברעישן סעקטאָר; רייכער אַרטיסטישער פּראָגראַם מיט אָנטייל פון סוזען סטיל, נחמה פּאַטקין און דעם „שלום"־אָרקעסטער, איינגעאָרדנט פון „קדימה" צוזאַמען מיט דעם אַקטיוו פון די ייִדיש פּראָגראַמען.

9) 29.3.81 — ייִדיש־רעדנדיקער פילם — „די צווייַ שוועסטער".

10) 5.4.81 — ייִדישער פילם „די צוויי שוועסטער".

11) 30.4.81 — געטאָ־אַקאַדעמיע אין אָנדענק פון די זעקס מיליאָן ייִדישע נאַצי־קרבנות און 38־טן יאָר־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אָרגאַניזירט דורכן ראַט פון ייִדישע פאָרשטייער אין וויקטאָריע, ייִדישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָ־טעק „קדימה", „בני ברית", פאַרטיזאַנער און קאָ־צעטלער־פאַרבאַנד און אַלע אין ראַט אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס; רעדנער: דר. מ. פערשטענדיק און הרב ב. פאָקס; דער פּראָגראַם איז אָנגעפירט געוואָרן דורך פּ. רינגעלבלום.

12) 10.5.81 — ישראל־פילם „סאַלאַמאָניקאָ (1טער טייל).

13) 17.5.81 — ליטעראַריש־קינסטלערישער אָוונט גע־ווידמעט דעם שרייבער אַלטער קאַציזנע און זיין דראַמע „שוואַרצבאַרד"; רעדנער יצחק קאַהאַן; אין קינסטלערישן טייל: דאַניעל גריפענבערג־חר׳ג און מיטגלידער פון דוד הערמאַן טעאַטער אונטער דער לייטונג פון פּ. רינגעלבלום; פאָרזיצער פּ. רינגעלבלום.

14) 24.5.81 — ישראל־פילם „סאַלאַמאָניקאָ" (1טער טייל)

15) 31.5.81 — סימפּאָזיום אד"ט: „ישראל אויף דער וועלט־אַרענע" מיט דער באַטייליקונג פון שמואל ראָזענקראַנץ „וואַלן צום הסתדרות און כנסת (ייִדיש), יהודה סבוראי: „ישראל און די וועלט" (ענגליש) און דר. מ. פערשטענדיק „ישראל פון אינעווייניק" (ייִדיש), פאָרזיצער ח. בראַון.

16) 21.6.81 — ערשטע לעקציע פון דעם גאַסט־רעדנער פּראָפ. יודזשין אָרענשטיין אין „קדימה"־טעאַטער אד"ט: „דער כוח פון ייִדיש" („ערב" פון עלי שעכט־מאַן); דעם גאַסט האָבן באַגריסט דער פּרעזידענט פון „קדימה", י. אָרבאַך, דער פאָרזיצער פון לאַנד־ראַט ש. ראָזענקראַנץ, אַלעקס דאַפנער און פּ. רינגעלבלום; רעציטאַציעס: דוד רינגעלבלום.

17) 24.6.81 — צווייטע לעקציע פון פּראָפ. יודזשין אָרענשטיין אין לעאָ פינק־זאַל ביי דער „קדימה" אד"ט: משה לייב האַלפּערן — דער דיכטער פון לעסטערונג און ליבע; פאָרזיצער מ. אייזענבוד.

18) 28.6.81 — דריטע לעקציע פון אונדזער גאַסט־רעד־נער יודזשין אָרענשטיין: 100 יאָר מאָדערן ייִדיש לעבן (1881—1981); פאָרזיצער אַלעקס דאַפנער.

19) 30.6.81 — 4־טע לעקציע פון פּראָפ. יודזשין אָרענ־שטיין: „בער באָראָכאָוו און די מאָדערנע ייִדישע פאָרשונג"; פאָרזיצער פּ. רינגעלבלום.

20) 5.7.81 — 5־טע לעקציע פון פּראָפ. יודזשין אָרענ־שטיין אד"ט: „די רמב"ם עפּאָכע אין אַ היינטציי־טיקער באַלייכטונג (באַזירט אויף נאַטאַן זאַבאַרעס בוך: „נאָך גרויס איז דער טאָג"); פאָרז.: ה. בראַון.

21) 8.7.81 — „יהואש — דער בעל תנ׳ך און דער בעל־מחדש" איז געווען די 6־טע לעקציע פון פּראָפ. אָרענשטיין; פאָרזיצער: י. ווינקלער.

22) 12.7.81 — 7טע לעקציע פון אונדזער גאַסט־רעדנער יודזשין אָרענשטיין: „דאָס ייִדישע פאָלק קערט זיך אום צו זיין געשיכטע" (נייע היסטאָריאָגראַפיע פון היינריך גרעץ און ש. דובנאָוו); פאָרזיצער ה. בראַון.

23) 15.7.81 — 8־טע לעקציע פון פּראָפ. יודזשין אָרענ־שטיין אד„ט: „חסידות און השכלה אין דער ייִדישער ליטעראַטור; פאָרזיצער פּ. קרישטאַל.

24) 18.7.81 — געזעגענונגס־באַנקעט פאַר דעם גאַסט־רעדנער יודזשין אָרענשטיין מיט אַ רעפעראַט וועגן

דאָס באַקומען נייע יידישע ביכער איז באַשווערט צוליב דעם, וואָס דאָס רוב ביכער ווערן ארויסגעגעבן פרייוואַט, און עס איז שווער זיך צו פאַרבינדן מיט די ארויסגעבער. מיר מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען צו באַקומען די ניי־דערשינענע ביכער.

די ביבליאָטעק האָט צוגעצויגן אַ צאָל סטודענטן וועלכע זוכן ספּעציפישע אינפאָרמאַציעס אין ענגליש ווי אין יידיש. אַ סך פון די ביכער־אויסבאָרגער האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער ביבליאָטעק, אַ דאַנק די אָפּהאַנדלונגען וועגן די נייע ביכער, וועלכע מען הערט אויף דער יידישער ראַדיאָ־פּראָגראַם פאַר יוגנט, ווי אויך דורך די 3־חדשימדיקע ביולעטינען וועגן נייע ביכער — וועלכע מיר שיקן צו אַלע יידישע אינסטיטוציעס.

אַ ספּעציעלן דאַנק דריקן מיר אויס דער פרוי אסתר בערמאַן, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון דער ביבליאָטעק, און האָט איינגעהאַלטן אַ הויכן סטאַנדאַרט אין דער אַרבעט פון באַזאָרגן די לייענער.

## יידיש ראַדיאָ־פּראָגראַמען

די פּאָפּולאַריטעט פון יידיש־ראַדיאָ אין מעלבורן האָלט אין איין שטייגן, און אָן שום ספק שפּילט דער געביט אַ גרויסע ראָל אין דער פאַרפעסטיקונג און פאַרשפּרייטונג פון יידיש־קולטור, אין פּאָפּולאַריזירן יידיש־געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, און איבערגעבן ידיעות פון ישראל און פון די תפוצות — סיי פון פּאָליטישן, סיי פון נאַצ. געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז יידיש־פּראָגראַמען פון מעלבורן ווערן אויך גענוצט אין פּערט און אפילו אין פּאַריז, ווו מען האָט לעצטנס באַנייט ראַדיאָ־טראַנסמיסיעס אין דער יידישער שפּראַך.

אין משך פון יאָר זענען אויסער די רעגולערע מיטאַרבעטער צוגעקומען אייניקע פּערזאָן, וועלכע באַרייכערן מיט זייער בייטראַג די פּראָגראַמען, אַזוי דאַרף דערמאָנט ווערן דעם צושטייער פון פּר׳ א. זילבער, וועלכער גיט איבער פון צייט צו צייט מאַטעריאַלן פון דער העברעישער פּרעסע אין ישראל (פרייטיק 4.30 נ״מ); דאָבקע אָפּעלאָוויטש און ע. קאָוואַדלאָ — פאַר ליטעראַרישע בייטראַגן.

אין יוגנט־פּראָגראַם (מאָנטיק 5.30 נ״מ) איז פאָרגעקומען אַ וועזנטלעכער פּערסאָנאַזש־ענדערונג: דער לאַנגיאָריקער איבערגעגעבענער טוער מייקל זילבערמאַן צוזאַמען מיט זיין פרוי שרהלע געצאָף־־זילבערמאַן, וועלכע האָבן אַ לאַנגע צייט צוזאַמען אויסגעטראָגן די לאַסט פון צוגרייטן די מאַטעריאַלן, זענען לעצטנס אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און זייערע פליכטן האָט איבערגענומען אַלעקס דאָפּנער צוזאַמען מיטן יונגן קאָלעקטיוו, צו וועלכן ס׳זענען צוגעקומען אַלס רעגולערע מיטאַרבעטער פריידע גאָלדבערג און דוד רינגעלבלום.

לאָמיר דאָ אויסדריקן אונדזער דאַנק מייקלען און שרהלען פאַר זייער ביישטייער אין די פאָרמאַטיווע יאָרן פון יוגנט־פּראָגראַם און ווינטשן זיי הצלחה אין זייער נייער היים, האָפנדיק, אַז זיי וועלן זיין אויך דאָרט אַקטיוו אויף דעם געביט.

קאָאָרדינאַטאָר פון די יידיש־פּראָגראַמען, איז פּיניע רינגעלבלום.

די יידיש־פּראָגראַמען אין מעלבורן אויף סטאַציע 3־אי.עי. קען מען הערן יעדן זונטיק 10.30 פרי (יאַשע שער)

מאָנטיק, 5.30 נ״מ (יוגנט)

מיטוואָך 11.00 פרי (פאַר שולן)

פרייטיק 4.30 נ״מ (פּ. רינגעלבלום)

## „שלום"־קלוב

דער ערשטער קאָמיטעט פון פאַרבאַנד פון די ניי־געקומענע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד (קלוב „שלום" ביי דער „קדימה") איז אויסגעקליבן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1980. צו אים האָבן געהערט 11 פּערזאָן. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון 8 קאָמיסיעס. צו יענער צייט האָבן צום פאַרבאַנד געהערט 130 פאַמיליעס — אָן ערך 500 מענטשן. דורכן יאָר איז די מיטגלידערשאַפט אויסגעוואַקסן ביז 236 פאַמיליעס, וועלכע נעמען אַרום 800 מענטשן.

אַ דערפאָלגרייכע אַרבעט האָט דורכגעפירט די קולטור־קאָמיסיע (פאָרזיצער: סעוואַ רובינשטיין).

די קאָמיסיע האָט צוגעגרייט און דורכגעפירט 8 קאָנצערטן; 6 אָפּרו־אָוונטן; 2 ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן און 2 ארויסטריטן פון דער מוזיק־שול פאַר קינדער. עס זענען אויך פאָרגעקומען 3 וווילטעטיקע קאָנצערטן: 2 אין מאָנטעפיאָרע־היים און 1 אין קיו־שול לכבוד חנוכה, און 2 פאַרוויילונגס־אָוונטן.

מיר האָבן אָנגעהויבן רעגולערע פילם־אָוונטן פאַר די ניי־געקומענע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד.

די אַלע אונטערנעמונגען האָבן באַזוכט אָן ערך 6000 יידן, דאָס רוב — ניי־געקומענע.

עס האָט זיך צעוואַקסן און עס אַרבעט רעגולער די ביבליאָטעק; „שלום" שרייבט אויס 4 צייטונגען און 3 זשורנאַלן אין דער רוסישער שפּראַך, פון פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט; אין ביבליאָטעק זענען איצט פאַראַן 600 ביכער; אויף צו אָרגאַניזירן די ביבליאָטעק האָט דער „שלום"־קלוב אויסגעגעבן 2125 דאָלער. די צאָל באַשטענדיקע לייענער באַטרעפט 85 פאַמיליעס — אַרום 250 מענטשן.

מיט דער הילף פון לערער־אימיגראַנטן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מוזיק־שול פאַר קינדער; אַ קינסטלער־סטודיאָ; אַ שאַך־סעקציע פאַר קינדער.

אַ געוויסע צייט זענען פאָרגעקומען לעקציעס צו לערנען יידיש און יידישע געשיכטע. צוליבן פעלן פון ענטוזיאַזם ביי די צוהערער, האָט מען דאָס לערנען אויפגעגעבן.

גוט און רעגולער אַרבעט די צייטונג אין דער רוסישער שפּראַך „שלום" (רעדאַקטאָר: זשאַמע פלאָטקע). די צייטונג איז אויסגעוואַקסן אויף אונדזערע אויגן און האָט באַקומען אַ פּראָפעסיאָנעלן אָנבליק. די צייטונג האָט 500 אַבאָנענטן, דאָס רוב אין מעלבורן. עס זענען אויך דאָ אַבאָנענטן אין סידנעי און אַדעלייד. די רעדאַקציע באַמיט זיך צו פאַרגרעסערן די צייטונג און דרוקן מער אינטערעסאַנטן לייען־מאַטעריאַל. זי האָפט אויך צו פאַרגרעסערן די צאָל אַנאָנסן, כדי די צייטונג זאָל זיך קאָנען אליין אויסהאַלטן.

די קאָמיסיע פאַר העלפן אַבסאָרבירן און איינאָרדנען זיך אויף אַרבעט, הויפּטזעכלעך אינזשעניערן און טעכניקער (פאָרזיצער: פרעד פורמאַן) האָט אָרגאַניזירט באַראַטונגען פאַר 40 ספּעציאַליסטן; צו דעם צוועק איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ טעכנישער קאַבינעט מיט די נויטיקע טעכנישע מאַטעריאַלן; עטלעכע מאָל זענען איינגעאָרדנט געוואָרן קאָנסולטאַציעס פאַר די אימיגראַנטן מיט אַ קוואַליפיצירטן יוריסט.

די ספּאָרט־קאָמיסיע (אָנפירער: איגאָר קלאַץ) האָט אָרגאַניזירט אייניקע ספּאָרט־סעקציעס (פוטבאָל, פּינג־פּאָנג און נאָד.)

דער יוגנט־קאָמיטעט אַרבעט רעגולער און מיט דערפאָלג (אָנפירער: ראָמאַ מירקוס). דער קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט 7 דיסקאָ־אָוונטן און 3 עקסקורסיעס. אין אַלע יוגנט־אונטערנעמונגען נעמען אָנטייל פון 100 ביז 150

אין פאַרבינדונג מיט אַן אַקטריסע פון ישראל, וועלכע דאַרף קומען במשך פונעם יאָר און שטעלן אויך אַ פאָר־שטעלונג.

דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע ריי זיצונ־גען און דער גאַנצער קאָלעקטיוו האָט זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט.

דער טעאַטער־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון די פאָלגנ־דיקע חברים: יאָסל האַבערמאַן, גיטל זיידענבערג ע"ה, רחל לעוויטאַ, צילאַ מירקין־האַרטמאַן, לאה צוקער, מאיר צעפּראָוו, מענדל שמערלינג און יאַשאַ שער.

## יוגנט אין „קדימה"

די באַטייליקונג פון דער יוגנט אין דער „קדימה"־אַרבעט איז הײַ־יאָר געווען אַ באַשיידענע.

דער וויכטיקסטער אויפטו איז געווען דאָס פאַראינטע־רעסירן יוגנטלעכע אין טעאַטער.

צוליבן דערפאָלג פון יוגנט־טעאַטער אין דער פאַר־גאַנגענהייט, און די צוציאונגס־קראַפט, וועלכע די בינע פאַרמאָגט — איז טעאַטער דאָס בעסטע מיטל צו סטי־מולירן אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע צו יידיש־אַרבעט.

אַרום 30 יוגנטלעכע, אין עלטער צווישן 18 און 35 יאָר האָבן געאַרבעט ביים צוגרייטן צוויי קורצע פּיעסן (אין יידיש און ענגליש). די יידישע אויפפירונג איז געווען איינגעשלאָסן אין פּראָגראַם פון דער יובל־פייערונג פון 70 יאָר „קדימה".

דער רעזולטאַט פון דער טעאַטער־טעטיקייט פון דער יוגנט, איז געווען די רעוויע אונטערן נאָמען: „לעבעדיקע ראַדיאָ־אָוידיציע". אין דער רעוויע האָבן זיך באַטייליקט: דער יוגנט־טעאַטער; דער קאָלעקטיוו פון דער ראַדיאָ־אָוידיציע פאַר יוגנט; דער מוזיקאַלישער אַנסאַמבל „פלאַ־מען" און אינדיווידועלע אַרטיסטן. די רעוויע איז געווען אַ דערפאָלג.

דער מוזיקאַלישער אַנסאַמבל „פלאַמען" פאַרדינט באַ־זונדערס דערמאָנט צו ווערן צוליב זייער אַנגעשטרענג־טער אַרבעט און ענטוזיאַזם. מיט זייערע אַרויסטריטן האָבן זיי באַשיינט „קדימה"־אונטערנעמונגען ווי אויך אַנדערע יידישע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען אין מעלבורן.

## „הזמיר"־כאָר

דער כאָר האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט דעם 13טן יאַנואַר 1981.

אויף דער איינלאַדונג פון דער עטנישער טעלעוויזיע אין סידנעי האָבן מיר געזונגען אויסטראַליעס נאַציאָנאַלע ליד „עדוואַנס אויסטראַליאַ פעיר".

פאַר אונדזער אַרויסטריט האָבן מיר באַקומען אַ וואַ־רעמען דאַנק־בריוו פון מוזיקאַלישן דירעקטאָר פון דער סטאַציע, מר. ביקערסהאָף.

דעם 30טן אַפּריל האָבן מיר אָנטיילגענומען אין דער אַלגעמיינער געטאָ־אַקאַדעמיע, איינגעאָרדנט דורכן „באָ־אַרד אָף דעפּיוטיס" „קדימה" און קאַצעטלער־פאַרבאַנד.

אויף דער איינלאַדונג פון דער פרויען־גרופּע „שלום" ביים „בני־ברית", האָבן אונדזערע סאָליסטן געזונגען פאַר עלטערע מענטשן. אין דער פונקציע האָבן זיך באַטייליקט: סילוואַ פּאַרטעק; רחל פאַדעמסקי; י. מאַרינער; אַלעקס בלאַנקאָוו און די פּיאַניסטין מרים ראַכלין.

דעם 4טן יולי האָט דער כאָר איינגעאָרדנט אַ טאַנץ־אָוונט.

דעם 14טן סעפּטעמבער האָבן מיר געזונגען פאַר די אַלטע לייט אין די מאָנטעפיאָרע היימען. די פונקציע האָט אָרגאַניזירט די פרויען־גרופּע „האַרמאָני" ביים „בני־ברית".

דער יערלעכער קאָנצערט איז פאָרגעקומען דעם 29טן נאָוועמבער אין טעאַטער־זאַל פון „קדימה". אין קאָנצערט האָט זיך אויך באַטייליקט דער יוגנט־אַנסאַמבל „פלאַמען".

דעם 5טן דעצעמבער האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ טאַנץ־אָוונט, און דעם 13טן דעצעמבער — אַ פאַרווײַלונגס־אָוונט אין לעאָ פינק־זאַל פאַר די משפחות און פריינד פון כאָר.

## שאַך־קלוב

דער שאַך־קלוב פירט זיין טעטיקייט אין „קדימה". מיר שפּילן שאַך 2 מאָל אַ וואָך — שבת און זונטיק — ווי אויך אין „פּאַבליק האָלידייס" פון 2 נ"מ ביז 7 אָוונט.

צוליב דער פּאָפּולערקייט פון שאַך־קלוב, האָבן מיר דאָס יאָר פאַררעגיסטרירט 6 פון די בעסטע שאַך־שפּילער אין וויקטאָריע. דאָס זענען די פריינד: קאַגאַן (אַן אימי־גראַנט פון רוסלאַנד), בענעדיקט, ראָזענבערג, פּאַיגמאַן; צוקערמאַן און יצחק סהר, וועלכער איז קאַנדידאַט אויף אַ שאַך־מייסטער.

פר' סהר האָט געשפּילט אין אונדזער שאַך־קלוב אַ מעטש מיט 20 שאַכיסטן גלייכצייטיק, ווו ער האָט באַ־וויזן זיינע קענטעניש‎ן.

עס איז אויך פאָרגעקומען אַ פאַרמעסט פון שאַך־טשעמפּיאָנען פון אויסטראַליע מר. יאַן ראָדזשערס מיט 22 שאַך־שפּילער גלייכצייטיק.

צום ערשטן מאָל זינט דער שאַך־קלוב עקזיסטירט, האָבן מיר הײַ־יאָר איינגעאָרדנט אַן אָפענעם שאַך־קלוב פאַרמעסט.

מיר לאַדן איין נייע מיטגלידער וואָס האָבן אַן אינ־טערעס צו שפּילן, אָדער זיך לערנען שאַך־שפּילן. דער אָפּצאָל איז 7.50 דאָלאַר אַ יאָר פאַר דערוואַקסענע און 5 דאָלאַר — פאַר פענסיאָנערן און סטודענטן.

פאַראינטערעסירטע דאַרפן זיך פאַרשטענדיקן מיטן פאָרזיצער פון שאַך־קלוב מר. משה טאַפּיאַל, לויטן טע־לעפאָן־נומער: 528־2359 (אין די אַרבעטס־שעהן) און פּריוואַט: 528־2287.

עס איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז דריי פון אונ־דזערע מיטגלידער זענען פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער אין מעלבורן שאַך־קלוב. דאָס זענען די פריינד: קאַגאַן; קאַליש און האַרדינג.

## „קדימה"־ביבליאָטעק

אין משך פון יאָר 1981 האָט זיך די ביבליאָטעק גוט אַנטוויקלט און האָט צוגעצויגן נייע לייענער.

## ענגלישע אָפּטיילונג

די ביבליאָטעק האָט זיך באַרייכערט מיט קנאַפּע 100 נייע ביכער. דער גרעסטער טייל — חורבן ליטעראַטור; וועגן לעבן פון יידן אין אייראָפּע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה; יידישע ליטעראַטור.

30 ביכער (פון די 100) זענען מתנות פון לייענער.

## יידישע אָפּטיילונג

די רעאָרגאַניזאַציע פון דער יידישער אָפּטיילונג איז אין פּראָגרעס. עס איז נאָך אָבער פאַרבליבן אַ סך אַרבעט דורכצופירן, ביז אַלע ביכער וועלן ווערן געהעריק קאַטאַ־לאָגירט.

„קדימה"־פאַרשטייער זענען פאַרטראָטן אין לאַנד־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. מיר מאַכן שוין אַלע צוגרייטונגען צו דער באַטייליקונג פון „קדימה"־דעלעגאַטן צום וועלט־צוזאַמענפאָר וואָס קומט פאָר אין חודש מאַי 1982, אין קאַנאַדע. דער מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט, פר' באַנאַ ווינער איז וויצע־פּאָרזיצער פון וועלט־ראַט פון דער אינסטיטוציע.

דער קלוב פון סאָוויעטישע יידן „שלום" האָט געפונען אַ היים אין „קדימה". דער קאָמיטעט פון „שלום"־קלוב שטייט אין נאָענטער פאַרבינדונג מיטן „קדימה"־קאָמיטעט און מיר העלפן זיי מיט אַלעם, וואָס איז אין אונדזערע מעגלעכקייטן.

די ביבליאָטעק אַנטוויקלט זיך גוט. צוליב דעם גרויסן אויסוויל פון ענגלישע ביכער אויף יידישער טעמאַטיק, איז די ביבליאָטעק פּאָפּולער ביי דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט.

די ביבליאָטעק קויפט איין אַלע יידישע ביכער, וועלכע דערשײַנען אין דער וועלט און דאָס פאַרגרעסערט די צאָל לייענער און די נאָכפראַגע אויף ביכער.

אין לייען־זאַל ביי דער ביבליאָטעק געפינען זיך די בעסטע צייטונגען און זשורנאַלן, וועלכע דערשיינען היינט צו טאָג.

מיט צופרידנקייט קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז די ביבליאָטעק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָדערנער אינסטיטוציע און איז אַן אַנזעעוודיקער צווייג פון אונדזער קולטור־אַרבעט. מיט דער ביבליאָטעק פירט אָן די קוואַליפיצירטע ביבליאָטעקאַרין ראָזע בלושטיין, וואָס איז גלייכצייטיק אַ מיטגליד פון „קדימה"־עקזעקוטיוו.

די יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס ווערן אָנגעפירט דורך די עקזעקוטיוו־מיטגלידער: יאַשאַ שער, פיניע רינגעלבלום און אַלעקס דאַפנער (יוגנט־אוידיציע). די פיר ראַדיאָ־אוידיציעס האָבן זיך אַנטוויקלט צו וואַגיקע קולטור־אַנשטאַלטן. זיי האָבן אַ ברייטן קרייז צוהערער און שפילן אַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער יידישן קולטור־לעבן.

דער „הזמיר"־כאָר איז אָנגעשלאָסן אין דער „קדימה" און באַקומט פון אונדז מאַטעריעלע הילף אין זיין אַרבעט. דער פאָרשטייער פון „קדימה"־קאָמיטעט צום כאָר איז פר' ראַבינאָוויטש. דער כאָר נעמט אָנטייל אין די וויכטיקסטע אונטערנעמונגען, וועלכע קומען פאָר אין ישוב און איין מאָל אין יאָר פּרעזענטירט ער די דערגרייכונגען דורך אַן עפנטלעכן קאָנצערט.

דער שאַך־קלוב ביי דער „קדימה" (פאָרזיצער פר' טאָפּיאָל) איז אויסגעוואַקסן צו אַ באַדייטנדיקער אינסטיטוציע מיט אַרום 50 מיטגלידער, און דער קלוב ווערט פאַררעכנט צווישן די רעפּרעזענטאַטיווסטע אין מעלבורן.

דער טעאַטער־קרייז (פאָרזיצער יאַשאַ שער) האָט די לעצטע צוויי יאָר געליטן טראַגישע פאַרלוסטן, און דאָס האָט באַשווערט דאָס איינשטעלן אַ טעאַטער־טעטיקייט.

דאָך האָט דער טעאַטער־קרייז אָנגעהויבן זיין צוגרייטונגס־אַרבעט, און מיר האָפן אין קומענדיקן יאָר צו זען זיינע דערגרייכונגען אויפן געביט פון אַקטיוון טעאַטער.

דריי וויכטיקע קולטור־אימפּרעזעס (אויסער דער יובל־אַקאַדעמיע) איז כדי אַרויסצוהייבן:

• דעם באַזוך פון יונגן אַקאַדעמיקער פון קאַנאַדע פר' יודזשין אָרענשטיין, וועלכער האָט באַגייסטערט די צוהערער אין מעלבורן און סידנעי מיט זיינע אינטערעסאַנטע און באַלערנדע לעקציעס.

• דעם אַרויסטריט פון באַרימטן אינטערנאַציאָנאַלן אַדוואָקאַט שמואל פיסאַר, וועלכער האָט אונטערן פּאַטראָנאַזש פון „קדימה" געהאַלטן רעפעראַטן אין מעלבורן און סידנעי.

• דעם באַזוך פון קינסטלער־פּאָרל פון ישראל — עטל קאָווענסקי און לעוו קאַגאַן.

אַ דאַנק די „מעלבורנער בלעטער" — דעם צוויישפּראַכיקן זשורנאַל וואָס די „קדימה" גיט אַרויס, האָט די „קדימה"־טעטיקייט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט־פּרעסע, צווישן יידישע שרייבער און קולטור־טוער.

אין משך פון טעטיקייטס־יאָר זענען פאַרן קאָמיטעט געשטאַנען ערנסטע ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וועלכע דער קאָמיטעט האָט געלייזט צו דער סאַטיספאַקציע און לטובת דער „קדימה".

## דער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער"

אין חודש דעצעמבער 1981, האָט דער זשורנאַל אָפּגעצייכנט 6 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. ביז היינט זענען דערשינען 29 נומערן.

דער זשורנאַל איז אַ צוויי־שפּראַכיקער (יידיש־ענגליש). דורך איינפירן אַן ענגלישע אָפּטיילונג גיבן מיר אַ מעגלעכקייט יונגע מענטשן וועלכע קאָנען נישט קיין יידיש און האָבן אַן אינטערעס פאַר יידישע פּראָבלעמען, צו האָבן אַ טריבונע, ווו זיי קאָנען ברענגען צום אויסדרוק זייערע מיינונגען. אַדאַנק דער ענגלישער אָפּטיילונג האָבן מיר צוגעקראָגן עטלעכע יונגע טאַלאַנטן וואָס שרייבן ענגליש, אויף יידישער טעמאַטיק. די ענגלישע אָפּטיילונג ברענגט אויך רעגולער אָפּשאַצונגען וועגן יידישע מאָלער, וועלכע לעבן און שאַפן אין אויסטראַליע.

מיטן שאַפן דעם זשורנאַל האָט די „קדימה" געהאַט פאַר אַ ציל צו דערמוטיקן יידישע שרייבער צום שאַפן, דורך געבן זיי אַ מעגלעכקייט פאַר דרוקן זייערע אַרבעטן. דער זשורנאַל דערמעגלעכט אַ ברייטע דיסקוסיע, קאָמענטאַרן וועגן יידישע און אַלגעמיינע פּראָגן.

די רעדאַקציע באַשטייט פון: מ. אייזענבוד; י. אָרבאַך; ס. בורשטין; י. מ. לעווין; פּ. רינגעלבלום. אַדמיניסטראַציע: פּ. קרישטאָל.

דער איצטיקער באַריכט נעמט אַרום פיר נומערן (אַפּריל—דעצעמבער 1981). די אַלגעמיינע צאָל זייטן פון די פיר נומערן באַטרעפט 244.

אין די פיר נומערן האָבן זיך געדרוקט די אַרבעטן פון: מ. אייזענבוד; ד"ר מ. פערשטענדיק; י. אָרבאַך; י. ראָזענבערג; ניומאַן ראָזענטאָל; ש. שווייצער; וו. יאַבלאָנסקי; י. האַמער; ש. בענעט; א. ציקערט; פּראָפ. ירמיה יובל; ב. צ. פּאַטקין; י. מ. לעווין; ל. ש. מאיר זייבל; ש. זינגער; לוי שאַליט; ל. פרידמאַן; פּ. קרישטאָל; ה. באַכראַך; לאה זילבער; ד"ר ש. כאָלאָווסקי; א. זילבער; ש. ווין; ב. וואַרשאַווסקי; י. בערקאָוויטש.

די ענגלישע אָפּטיילונג רעדאַגירט דער שרייבער ד"ר סערזש ליבערמאַן.

## דוד הערמאַן טעאַטער

דער טעאַטער־סעזאָן 1981 איז געווען נישט קיין פּראָדוקטיווער. דער ביטערער גורל האָט אַרויסגעריסן נאָך צוויי אַרטיסטן פון אונדזערע רייען: גיטל זיידענבערג ע"ה — אַ מיטגליד פונעם קאָמיטעט פון טעאַטער־קאָלעקטיוו, און משה קעניגשטיין ע"ה זענען פּריצייטיק אַוועק אין דער אייביקייט.

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז דער קאָלעקטיוו איז געקומען צו זיך און ווידער געשטעלט צו דער אַרבעט.

עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן אָנצוהייבן דעם קומענדיקן סעזאָן מיט אַ געמישטן אָוונט און מען שטייט

## יידישער קולטור־צענטער
## און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק
# „קדימה"

גענרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער, 1911.

**9 גאָרדאָן סטריט, עלסטערנוויק**
**7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק**

## 70־טער טעטיקייטס־באַריכט

### אַמטן אין יאָר 1981

מר. י. אָרבאַך — פרעזידענט
מר. י. שער — געוועזענער פרעזידענט
מר. ה. בראַון — וויצע־פרעזידענט
מר. פ. קרישטאַל — וויצע־פרעזידענט
מר. מ. אייזענבוד — ערן־סעקרעטאַר
מרס. ר. בוטלינסקי — ערן־קאַסירערין
מר. י. ווינקלער — געהילף פון ערן־קאַסירערין
מר. פ. רינגעלבלום — פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע
מר. מ. אייזענבוד — פאָרזיצער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע „מעלבורנער בלעטער"
מרס. ר. בלושטיין — פאָרזיצערין פון דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע
מר. ה. בראַון — פאָרזיצער פון דער רעווידיר־קאָמיסיע
מר. י. ווינקלער — פאָרזיצער פון דערווירטשאַפטס־קאָמיסיע
מר. מ. טאַפּיאָל — פאָרזיצער פון שאַך־קלוב
מר. א. דאַפנער — פאָרזיצער פון יוגנט־אַקטיוויטעטן

מרס. ל. גאָטליב
מר. ב. ווינער
מר. וו. יאַבלאָנסקי
מר. מ. זילבערמאַן
מרס. ר. לעוויטאַ
מרס. ה. ראָזענבוים
מר. מ. ראַבינאָוויטש
מר. א. ראָזענבלום
מרס. ט. ראָזענבלום
מר. ה. שטייער

סעקרעטאַרין — מרס. י. וואַרשאַווסקי
ערן־אַדוואָקאַט — מר. ש. וואָלסקי ל.ל.ב.
ערן־אוידיטאָר — שמחה בורשטין
ביבליאָטעקאַר — מרס. א. בערמאַן
פאַרוואַלטער — מר. י. טיגעל

## באַריכט פון 70טן טעטיקייטס־יאָר

אין יאָר 1981 האָבן צוויי געשעענישן באַווירקט דאָס יידישע לעבן אין דער וועלט: די פרעזידענט־וואַלן אין אַמעריקע און די כנסת־וואַלן אין מדינת ישראל.

דעם פרעזידענט׳ס באַמיאונגען איינצושטעלן נאָענטע באַציאונגען מיט סאַוד־אַראַביע, דורך קאָלאָסאַלע געווער־ליפערונגען — האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכע אומ־רואיקייט אין מדינת ישראל און ביי די יידן אין דער וועלט.

דער אינטערעס פאַרן רעזולטאַט פון די וואַלן צו דער 10טער כנסת איז אויסגעטייטשט געוואָרן, ווי דער באַראָ־מעטער פון דער לאַגע אין מיטעלן מזרח.

אין דער דעבאַטע אַרום דער באַטייליקונג פון אויסט־ראַליש מיליטער אין דער סיני אויפזיכטס־אַרמיי האָט דאָס אויסטראַלישע יידנטום גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל.

צוליב דעם אינטערעס פאַר די וואַלן אין ישראל האָט די „קדימה" איינגעאָרדנט אַ סימפּאָזיום ערב די וואַלן, ווו פאָרשטייער פון די וויכטיקסטע פאַרטייען האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו פרעזענטירן זייער שטאַנדפּונקט.

די „קדימה"־טעטיקייט פון היינטיקס יאָר איז געשטאַ־נען אונטערן צייכן פון יובל: 70 יאָר „קדימה" אין מעל־בורן. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ פייערלעכער אָקאַ־דעמיע מיט דער באַטייליקונג פון אַלע יידישע אינסטי־טוציעס אין ישוב און באַגריסונגען פון אויסלאַנד. עס זע־נען דערשינען 2 נומערן פון די „מעלבורנער בלעטער" מיט אַ ברייטן געשיכטלעכן מאַטעריאַל וועגן דער „קדימה". עס זענען אויך געזאַמלט געוואָרן 178 באַגריסונגען לכבוד דעם יובל און זיי זענען געוואָרן אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל.

די „קדימה" — אין איר אָנשטרענגונג אויסצובררייטערן די יידיש־טעטיקייט, איז געלונגען צו אינספּירירן דעם עקזעקוטיוו־מיטגליד אַלעקס דאַפנער, און אַ דאַנק אים איז באַנייט געוואָרן די טעטיקייט פון יוגנט־טעאַטער. דער ערשטער אַרויסטריט — אַ יוגנט־רעוויע — איז געווען אימפּאָזאַנט.

דער מוזיקאַלישער יוגנט־אַנסאַמבל „פלאַמען" האָט זיך באַטייליקט אין אַ גאַנצע ריי קולטור־אונטערנעמונגען, און מיר שאַצן אָפּ דעם אַנסאַמבל ווי אַ פּאָזיטיווע, שעפערישע גרופּע מיט איבערגעגעבנקייט צו אונדזער יידיש־טעטיקייט צווישן דער יוגנט.

„קדימה"־פאָרשטייער זענען אַקטיוו באַטייליקט אין די זיצונגען פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס". אונדזערע דירעקטע פאָרשטייער זענען די פריינד: סענדער בורשטין; פ. רינ־געלבלום און מ. ראַבינאָוויטש. צום עקזעקוטיוו פון „באָ־אַרד" געהערן די פריינד: יאָשאַ שער — עקזעקוטיוו־מיט־גליד פון „קדימה" און שמחה סוכאָוואָלסקי, וואָס איז ערן־אַדוואָקאַט פון „קדימה" און פאָרשטייער פון לאַנד־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור.

צו די קאָמיסיעס ביים „באָאַרד" רעפּרעזענטירן דער „קדימה": בילדונג — פרוי גאָטליב; קאָמיסיע אָפּצוהיטן די פאַרגאַנגענהייט — פ. קרישטאַל. אונדזערע פאָרשטייער פירן אויס אַ וויכטיקע פונקציע ביים איינאָרדענען די אַלגע־מיינע געטאָ־אַקאַדעמיע, און די „קדימה" געהערט צו די איינאָרדנער פון די דאָזיקע אַקאַדעמיעס.

מיטגלידער פון עקזעקוטיוו זענען אַקטיוו אין דער אַר־בעט פון שלום עליכם קאָלעדזש און מיר קאָנען מיט פרייד פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז די איינציקע יידיש טאָגשול אין אויסטראַליע פייערט היי־יאָר דעם ערשטן אַרויסלאָז. מיר שאַצן אָפּ די מי פון די שול־טוער און באַטראַכטן זייער אַרבעט ווי אַ וויכטיקןביישטייער צו דער אַלגעמיי־נער יידישער קולטור־טעטיקייט.

וואָס האָבן אַרויסגענומען „פאַרזיכערונג״ דורך חתונה האָבן מיט רוסישע פרויען.

דאָס אַלץ העלפט נישט. מען דאַרף אַ ייִדישן פּראָצעס. עטלעכע ווערן פאַרמשפּט צו טויט־שטראָף; עטלעכע צו 25 יאָר לאַגער, און מאַלטינסקי — דער אַקטער פון ענין — כאַפּט אַ מציאה — 10 יאָר...

דער פּראָצעס קומט פאָר אין דער זעלבער צייט — ווי דער פּראָצעס פון די ייִדישער שרייבער — מיטגלידער פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. אַלץ קומט פאָר געהיים.

די מאַכט פירט דורך ייִדישע פּראָצעסן, כדי שפּעטער צו באַנוצן זיך מיט זיי ווי אַ תּרוץ פאַר סטאַלינס טיזולאַ־נישן פּלאַן: צונויפטרייבן די ייִדן פון גאַנץ רוסלאַנד אין א „טשערטאַ״ און זיי דאָרט ביסלעכווייז פאַרניכטן.

בלייבט אַ פראַגע נישט פאַרענטפערט:

צו וואָס (אָדער: זינט ווען?) דאַרפן די קאָמוניסטישע מושלים אַ באַרעכטיקונג פאַר זייערע פאַרברעכנס? דאַרפן זיי פאַר עמעצן אָפּגעבן אַ דין וחשבון? משפּט זיי ווער פאַר פאַרגאַנגענע פאַרברעכנס? און אויב מען משפּט שוין יאָ קאָמוניסטן, איז לויט דעם טראַפּאַרעטנעם קאָדעקס. שפּיאָנאַזש; סאַבאָטאַזש; פּאַראַט; סאָציאַל־שעדלעכער עלעמענט... (דערמאָנט זיך די מאָסקווער פּראָצעסן...)

אָט די אַלע „פאַרברעכנס״ קאָן מען אין סאָוויעט־רוסלאַנד באַגיין, אפילו שלאָפנדיקערהייט...

✶

דאָס אַנדערע בוך, וואָס איז נאָר־וואָס דערשינען אין מעלבורן, איז פון אַ פּוילישן ייִדן — שמואל שוואַרץ. עס הייסט: „אונטער רויטע הימלען״.

שוואַרץ רעפּרעזענטירט אַ דור פון ייִדישער יוגנט, וואָס האָט אין פּוילן געליטן פון אָרעמקייט; אָן מעגלעכ־קייט פון בילדונג; פּאָליטיש פאַרפאָלגט פון רעאַקציאָנערן רעזשים; פון אָפענעם אַנטיסעמיטיזם. אין זייער טרוים האָבן זיי געזען דעם רעגנבויגן פון פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט; פון ברייטע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען די פעאיקייטן; אָן אָרט פאַר יוגנטלעכן ענטוזיאַזם. דער אָנהויב פון רעגנבויגן הויבט זיך אָן אין סאָוויעט־רוסלאַנד און דאַרף זיך אויסשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט.

ווי עס ציט אַ פּאַטערל צום פלאַם — אין דער נאַכ־טיקער פינצטערניש — האָט אָט דער יוגנט געצויגן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. די דרייסטערע צווישן זיי — ווי שמואל שוואַרץ — זענען אין יאָר 1933 אומלעגאַל אַריבער די סאָוויעטישע גרענעץ, און באַלד אַריין אין די סאָוויעטישע „אוניווערסיטעטן״ — די תּפיסות און לאַגערן וווּ מען האָט זיי גענומען איבערדערציִען.

דער ערשטער באַדינג פון אַ גוטן קאָמוניסט (און קיי־נער פון די יוגנטלעכע האָבן דאָך נישט פאַרלייגנט זייער איבערגעגעבנקייט צו דער קאָמוניסטישער אידיי) איז — זיך מודה זיין:

פאַר וועמען זיי שפּיאָנירן? וועלכע סאַבאָטאַזש אויפ־גאַבן האָט מען זיי פאַרגעבן? ווער זענען זייערע קאָנטאַקטן אויף דער סאָוויעטישער זייט?

אייגנטלעך — האָבן די אויספאָרשער געטענהט — וויסן מיר שוין סיי ווי אַלץ — איז גלייכער — זייט זיך מודה...

די קאָמוניסטישע יוגנטלעכע, וועלכע זענען נעכטן געררודפט געוואָרן ווי שונאים פון פּוילן — באָלשעוויקעס — זענען איבער נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּוילישע שפּיאָנען...

די גייסטיקע דערשיטערונג האָט געווירקט קאַטאַסטראָ־פאַל (שוואַרץ דערציילט ,ווי אַ ייִדיש מיידל איז אַראָפּ פון זינען).

זינט 1933 הויבן זיך אָן די טורמע־וואַנדערונגען פון די ייִדישע יוגנטלעכע (לויט שוואַרצן זענען אומלעגאַל אַריבער די סאָוויעטישע גרענעץ אַרום טויזנט בחורים און מיידלעך).

די לעצטע סטאַציע איז ביראָבידזשאַן. נאָך אַ קליינער אָטעם־פּויזע — נייע אַרעסטן, אויפן סמך פון די אַלטע באַשולדיקונגען (די סאָוויעטישע יוסטיץ־אינאָוואַטאָרן האָבן זייער אָן אָרעמע פאַנטאַזיע, אָדער, ווי זאָגן די ייִדן: צו וואָס דאַרף מען חכמה, אַז נאַרישקייט גילט...)

נאָך כרושטשאָווס אַנטפּלעקונגען פון סטאַליניסטישן טעראָר, האָט די יוסטיץ־מאַשין גענומען דרוקן רעהאַביליטאַציע־קוויטלעך. אויך שוואַרצן איז אַזאַ מין קוויטל באַוויליקט געוואָרן. מיינט עס, אַז שוואַרץ'ס קרבן (דאָס אריי־בערגיין די גרענעץ) איז אָנגענומען געוואָרן און מען האָט טאָקע באַקומען צוטרוי צו אים, אַז אַלץ וואָס ער האָט דערקלערט אויף די אויספאָרשונגען איז אמת? דאָס זאָגט זיך נישט אין דער רעהאַביליטאַציע.

שמואל שוואַרץ האָט געגלויבט און מען האָט זיין גלויבן ברוטאַל צעשמעטערט.

דאָס בוך דערציילט דעם ווי אַזוי דאָס איז געשען. וועט כאָטש עמעץ לערנען פון שוואַרץ'ס דערפאַרונגען?

אויף דער פראַגע — גלויב איך — קאָן זיך קיינער נישט אונטערנעמען צו ענטפערן.

## געשטאָרבענע:

מיט טיפן צער און טרויער פאַרצייכענען מיר דעם טויט פון די פאָלגנדע „קדימה״־מיטגלידער אין דעם באַריכט יאָר:

צלובה קרישטאַל
ז. שראָן
ל. בלושטיין
באַשע בוקס־ריכטער
גיטל זיידענבערג
קאָמיטעט־מיטגליד פון דוד הערמאַן־טעאַטער
מאַקס בלאַט
מ. קעניגשטיין
אַ מיטגליד פון דוד הערמאַן־טעאַטער
מ. וויניג
קאַסטנער
י. קענט
י. בעקער

מ. אייזענבוד

# דער צעטראָטענער גלויבן...

ה. מאַלטינסקי: „דער משפט איבער די בירֲאָבידזשאַנער״

ש. שוואַרץ: „אונטער רויטע הימלען״

די פוילישע מדינה איז פיר מאָל צעטיילט געוואָרן צווישן אירע שכנים. יעדע צעטיילונג האָט אַריינגעבראַכט ענדערונגען אין ידישן לעבן. זייער ווייניק — צום גוטן.

די טראַגישסטע צעטיילונג איז געווען די פערטע, ווען סאָוויעט־רוסלאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד האָבן אין יאָר 1939 זיך צעטיילט מיט פוילן. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיט דער דאָזיקער צעטיילונג האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרניכטונג פון 3 מיליאָן פוילישע ידן.

דער דאָזיקער צעטיילונג איז געווידמעט כמעט די גאַנצע ידישע ליטעראַטור — זינט 1945. די גרעסטע צאָל ביכער באַשרייבן דעם חורבן און אומקום פון די ידן אויף דער טעריטאָריע, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו די נאַציס. פאַרשותגען פון יענער תקופה; זכרונות; יזכור־ביכער, פּאָעזיע; נאָוועלע און דראַמע.

ביסלעכוויס נעמען זיך אויך באַווייזן ביכער פון ידן, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. די דאָזיקע ידן האָבן טאַקע נישט מיטגעמאַכט די נאַצישע גרוילן; זיי האָט אָבער נישט אויסגעמיטן אכזריות; אוממענטשלעכקייט; ברוטאַלע און געוויסנלאָזע אָנווענדונג פון געזעצן; נישט־ווייניק סאַדיסטישער אַנטיסעמיטיזם. אין רעזולטאַט פון די איבערלעבונגען איז געקומען גייסטיקער צוזאַמענברוך און אַנטוישונג.

אויך די ידן האָבן עפּעס וואָס צו דערציילן...

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די ערשטע וואָס האָבן גענומען שילדערן אין מערב דעם אמתן פנים פון קאָמוניזם, זיין יוסטיץ און זיין באַציאונג צו ידן — זענען געווען די פוילישע ידן, וואָס האָבן זיך די ערשטע אַרויסגעקראָגן פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

זינט 1945 האָבן זיך באַוויזן אָפּגעריסענע שילדערונגען; איינצלנע באַשרייבונגען פון איבערלעבענישן אונטערן סאָוויעטישן רעזשים.

אין די לעצטע יאָרן האָט סאָלושעניצין מיט זיינע ביכער פון סאָוויעטישער קאַטאָרגע (וואָס איז אַ טייל פון דער סאָוויעטישער עקאָנאָמיע און פון סאָוויעטישן שטייגער־לעבן) אויפגעטרייסלט דעם מערב, און האָט זיך אַרויסגערוקט אין אויבן אָן פון דער וועלט־ליטעראַטור, דורך צענדליקער איבערזעצונגען.

כמעט ווי פאַרשעמטע, נעמען זיך באַווייזן ידישע ביכער אויף דער אייגענער טעמע, און דאָס דער עיקר פון קאָמוניסטן, וועלכע האָבן ערשט באַנומען וואָס אַזוינס קאָמוניזם באַדייט, נאָכן אָפּפינצטערן אין סאָוויעטישע תפיסות און לאַגערן יאָרן לאַנג. נאָך נעכט פון אומזיניקע אויספאַרשונגען און זינלאָזע באַשולדיקונגען.

די ביכער קאָנען באַצייכנט ווערן ווי ווידוי׳ס, אָדער ווי אַ פאָרם פון אַטעאיסטישן על חטא.

צו די גאָר ווייניק ביכער פון דעם זשאַנער — געהערן די ביכער פון סאָוויעטישע ידן. ליגט נאָך די מורא אין זייערע ביינער צו דערציילן איבערלעבונגען? טראַכטן זיי אפשר: ווער קאָן מען שוין היינט איבערראַשן?

נאָר אָט האָט אַ סאָוויעטיש־ידישער שרייבער — חיים מאַלטינסקי פאַרעפנטלעכט אַ בוך: „דער משפט איבער די בירֲאָבידזשאַנער״, אין וועלכן ער דערציילט (ריכטיקער דאַרף זיין: שרייט אויס דעם ווייטאָג...) וועגן זיך, דעם שווערן קריגס־אינוואַליד, וואָס האָט נאָכן קריג געוואָלט אין קליניקייט: פאַרבלייבן אַ ידישער שרייבער, ווי ער איז געווען — אידער ער איז פריוויליק אַוועק אין קריג.

די ידן אונטער די נאַציס האָבן נישט דערוואַרט קיין חסד, זיי האָבן דערוואַרט אַ נס. געזוכט וועגן דורכצוקומען, בלייבן לעבן.

אָבער מאַלטינסקי — דער סאָוויעטישער מענטש מיט מעדאַלן פאַר העלדישקייט — אים האָט דאָס פאָטערלאַנד אַ ביטערן שפּיי געטאָן אין פנים, און געפייניקט אים, ווי ער וואָלט בכלל נישט געווען קיין מענטשלעך באַשעפעניש — פאַרוואָרפנדיק אים מיט באַשולדיקונגען פון שפּיאָנאַזש, סאַבאָטאַזש און אָט די אַלע „גוטע״ מעשים, וואָס בלויז אַ סאָוויעטישער מענטש, דערצויגן אונטערן קאָמוניזם — דאַרף זיין פעיק. (לויט דער פאַרשטעלונג פון די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען).

דאָס בוך איז דער ווי־געשריי פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה, וועלכע מען פייניקט — אָן שום ציל עפּעס צו דערגרייכן דערמיט. פייניקן לשם פייניקן. (ווי שיין עס קלינגט דער דאָזיקער באַגריף אין דער ליטעראַרישער שיטה: קונסט לשם קונסט). פייניקונגען זענען די מיטלען פון האַלטן אין שפּאַנונג דעם טעראָר.

זיין ענין איז געווען אַ קאָלעקטיווער. אין משפט האָט מען אַריינגעצויגן די אָנפירנדיקע עליטע פון בירֲאָבידזשאַן — באַשטימט דורכן פּאָליט־ביוראָ; דאָס זענען געווען סאַמע קאָמוניסטישע גדולים, דאָס רוב — אַסימילירטע ידן,

---

„אויסגעצאַפּט״ הונדערטער „כאַראַקטעריסטיקעס״ פון קאָנטררעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט. פּעפער׳ס רייד, וואָס מען האָט אַרויסגעריסן מיט גוואַלד, האָבן געדינט ווי מאַטעריאַל פאַר באַשולדיקונגען קעגן סאָוויעטישע ידן.

פיל פון אַזעלכע פּעפער׳ס „כאַראַקטעריסטיקעס״ זענען געווען אַריינגעפלאָכטן אין די פּראָטאָקאָלן פון אונדזער בירֲאָבידזשאַנער ענין.

ת. מאַלטינסקי

# דער חיה׳שער פּחד...

דעם 22טן פעברואַר 1982 איז געוואָרן 30 יאָר זינט דעם „משפּט איבער די בירּאָבידזשאַנער". דאָס איז געווען איינער פון די משפּטים, וועלכע די סאָוויעטישע מאַכט האָט צוגעגרייט, כדי צו דיסקרעדיטירן יידן. דער צווייטער משפּט איז געווען פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, און דער דריטער (וואָס איז אגב נישט צושטאַנד געקומען) איבער יידן־אינזשיניערן אויפן וויטן מזרח.

צו דער געלעגנהייט ברענגען מיר אַ קאַפּיטל פון בוך „דער משפּט איבער די בירּאָבידזשאַנער", וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף דער פסיכישער אַטמאָספער, אין וועלכער יידן האָבן דאָן געלעבט.

רעדאַקציע

**די אַלע אַכט פאַרצוויפלטע (אויך איך בתוכם) האָט נישט געבונדן צווישן זיך קיין אויסגעשפּראָכן־הייסער פאַרלאַנג צו בלייבן ביזן סוף א ייד, צו גיין אויף קידוש־השם און זאָגן אָפן דאָ, ביים שלוס פון דער אויספאַרשונג, אַז יאָ, מיר האָבן טאַקע געוואָלט זיין יידן, מיר האָבן געוואָלט זיין אַ פאָלק. און וואָס קומט אונדז דערפאַר? מיר האָבן געוואָלט, אַז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט זאָל טאַקע זיין דאָס וואָס זי הייסט — קומט אונדז דערפאַר טויט? אַנשטאָט דעם האָט זיך יעדער פון די אַכט באַשולדיקטע באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן אַראָפּצוואַרפן פון זיך אַ „ביסל" פון דער לעפישער, ליגנערישער, אויסגעטראַכטער באַשולדיקונג אויפן אַנדערן. מיר, די „אַכט", האָבן דאָן אָפּגעשפּיגלט מיט זיך קלאָר און דייטלעך דעם פּנים און אַנבליק פון די סאָוויעטישע מענטשן אונטערן יאָך פון דיקטאַטור און גרויזאַמער שרעק פון דער סטאַלין־תקופה. עס איז ביי אונדז געבליבן בלויז דער חיה׳שער פּחד פאַרן אייגענעם נעבעכדיקן לעבן, וואָס האָט שוין קוים געצאַפּלט אין אונדז.**

די פּראָטאָקאָלן פון די פּילצאָליקע גראָבע בענדער פונעם פאַבריצירטן ענין האָט צוערשט געלייענט אַזירסקי אַליין, וואָס האָט זיך געפילט ווי דער הויפּט־מחותן אין דער „בלוטיקער חתונה"; נאָר ער האָט, ווייזט אויס, זיך גלייך אַן עצה געגעבן: וואָס דאַרף ער האָרעווען און הייזעריק ווערן צוליב די „פאַרשאָלטענע שונאים פון פאָלק"? — האָט ער די זאַך איבערגעגעבן די „שונאים" אַליין, זאָלן זיי אַליין שטיקן זיך מיט די אייגענע פאַרברעכנס.

באַכמוטסקי און פראַדקין האָבן באַקומען די „בכבודי׳קע עליה׳ס" און געלייענט די פּראָטאָקאָלן. זילבערשטיין, פרידמאַן און איך האָבן די פּראָטאָקאָלן נישט געלייענט. איך האָב בכלל נישט געקענט פליסיק לייענען רוסישע כתב־ידן. אין מיין קאָפּ איז געבליבן דיער ווייניק פון דער זשאַנדאַרמישער צעיושעטער, אומזיניקער תוכחה און ווילדע בלבולים, מיט וועלכע עס זענען אָנגעשטאָפּט די הונדערטער זייטלעך פון די פּראָטאָקאָלן. נאָר וואָס איז מיר יאָ געבליבן אין קאָפּ? — אַז מען האָט די באַשולדיקונג קעגן אונדז איבערגעפלאָכטן מיטן ענין פון אַנטי־פאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט און אַז מען האָט פאַרבונדן די ביידע ענינים — דעם צענטראַלן מאָסקווער און דעם צענטראַלן בירּאָבידזשאַנער. דער בירּאָבידזשאַנער איז געווען אַ נאָכקרימערישע, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, קאָפּיע פון דעם מאָסקווער ענין פונעם אַנטי־פאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט — פונקט מיט דעם זעלבן נוסח און מיט די זעלבע טשעקיסטישע זשאָנגלירונגען.

וואָס זענען געווען די הויפּט־באַשולדיקונגען? די פאַרטייאישע אָנפירער פון דער אויטאָנאָמער געגנט („י.אָ.אָ.") האָבן אויף אַ פאַרברעכערישן אומלעגאַלן אופן זיך צונויפגעניוכעט מיט די הויפּט־אָנפירער פונעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און צוזאַמען האָבן פעפער, באַכמוטסקי, זילבערשטיין, דוד בערגעלסאָן, לינאַ שטערן און די מאָסקווער יידישע שרייבער געפירט אַ „קאָנטררעוואָלוציאָנערן האַנדל" און זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט איינעם פון די אָנפירער פון דעם אַמעריקאַנער אויסשפּיר־אַפּאַראַט, פּ. נאָוויק. דער ציל איז געווען צו שאַפן קינסטלעך פון בירּאָבידזשאַן אַ יידישע אויטאָנאָמע רעפּובליק, מיט „ווייטגייענדיקע" קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון פון אָפּרייסן זיך פונעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד און צושטיין צום אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און צו די יאַפּאַנעזער מיליטאַריסטן. אָט דאָס איז געווען דער הויפּט־יאָדער פון דער אומזיניקער באַשולדיקונג. און אַרום דעם האָט זיך אַלץ געקלעפּט און געוואַקסן, ווי אַ גוט קלעפּיקער שניי, דער גאַנצער צענטראַלער אַנטיסעמיטישער ענין, כדי צו פאַרשוואַרצן דעם פּנים פון די סאָוויעטישע יידן פאַר די צוויי הונדערט מיליאָן סאָוויעטישע בירגער און צערייצן אין זיי אַ גרויסע שנאה צו די יידן, גרייטנדיק זיך צו אַ מלחמה קעגן אַמעריקע.

די צוויי פּראָצעסן — דער פּראָצעס פונעם אַנטי־פאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און דער בירּאָבידזשאַנער פּראָצעס — האָבן דאָך געגרייט איינע און די זעלבע מענטשן: בעריאַ, מאַלענקאָוו, פּאָנאָמאַרענקאָ און גאָגלידזע. דאָס איז פאַקטיש געווען איין פּראָצעס.

צוערשט זענען אין מאָסקווע אַרעסטירט געוואָרן די אָנפירער פונעם אַנטי־פאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט — איציק פעפער, זשיץ, דער רעדאַקטאָר פון „איינִיקייט" און די יידישע שרייבער פּרץ מאַרקיש, דוד בערגעלסאָן, ל. קוויטקאָ און נאָך און נאָך. דורך די פאַרגעלייענטע פּראָטאָקאָלן איז קלאָר געוואָרן, אַז פון די אַרעסטירטע יידישע שרייבער אין מאָסקווע, קיעוו און מינסק, האָט די מ. ג. ב. במשך פון 1949 — 1951 „אונטערן חלף" אויסגעפּרעסט באַווייזן וועגן „צוזאַמענאַרבעט", וועגן פאַרברעכערישע אומלעגאַלע באַגעגענישן פון באַכמוטסקין, זילבערשטיינען, לעוויטינען מיט די יידישע טוער פון מאָסקווע, דערונטער מיט די יידישע טוער פון סאָוויעטישן אינפאַרמביוראָ און מיט אַנדערע פּערזענלעכקייטן פון יידישן אָפּשטאַם. פון איציק פעפערן אַליין, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויזאַמען איינדרוק, גלייך ווי ער וואָלט זיינע באַווייזן געגעבן זיצנדיק אויף אַן עלעקטרישן שטול, האָט מען אין משך פון די צוויי יאָר, וואָס ער איז שוין געזעסן פאַרשפּאַרט,

זייער שוואך. אין פראנקרייך האט מען אים גערופן „מע־פיסטא".

אין 1937 איז געווען א פראטעסט אין ידישן אקא־דעמישן הויז קעגן דעם אנווענדן „נומערוס קלאוזוס" און קעגן דעם איינפירן דאס שטיין אויף דער לינקער זייט פאר יידישע סטודענטן. אויף דעם פראטעסט איז געקומען דער פוילישער פראפעסאר קאטארביסקי. אין זיין רעדע האט ער צוו. אנדערן געזאגט:

„מען זאגט אז יידן זענען פחדנים. נאר איך, ווען איך זע די יידישע סטודענטן קומען אין דעם אוניווערסיטעט צו לערנען טראץ דעם וואס די ענדעקישע סטודענטן בא־פאלן זיי מיט שטעקנס און שלאגן זיי, מוז איך קומען צום אויספיר, אז די פחדנים זענען נישט די יידישע סטודענטן, נאר די ענדעקישע וועלכע האלטן די שטעקנס".

ער האט וויטער פארויסגעזאגט, אז די ענדעקעס זע־נען בלינד און זעען נישט אז עס דערנענטערט זיך די צייט, ווען פוילן וועט קומען בעטן די יידישע סטודענטן זיי זאלן העלפן פארטיידיקן דאס פוילישע פאטערלאנד. ער האט געבעטן די יידישע סטודענטן צו פארגעבן די ענדע־קעס, ווייל די צייט דערנענטערט זיך ווען זיי וועלן מוזן זען די צייכנס, וועלכע ווערן בולטער יעדן טאג און וועלן מוזן דערזען זייערע פארברעכנס נישט נאר לגבי די יידן, נאר אויך לגבי פוילן.

ווען איך, א ייד, א פוילישער קעמפער האב זיך דער־מאנט די ווערטער פון דעם פוילישן פראפעסאר, דעם נביא — ווי ארעם און נעבעכדיק האבן פאר מיר אויסגעזען די פוילישע ענדעקעס און זייער שנאה נישט נאר צו די יידן, נאר אויך צו זייער אייגענעם פאלק און לאנד!

איך בין ארויפגעגאנגען אויפן דאך פון דעם אקאדע־מישן הויז און זיך באמיט צו קוקן אריבער דעם טייך אויף דער ריכטיקער ווארשע. דער אוניווערסיטעט איז געווען אין ווארשע. איך האב געוואלט זען דארט עפעס וואס ס'איז געווען מיר באקאנט, עפעס וואס איך האב גע־זען יעדן טאג, ווען איך בין געגאנגען צום אוניווערסיטעט און צו דעם „מכון למדעי היהודית". מיין הארץ איז גע־וואקסן פאר פרייד. איך האב געקלערט און בין געווען איבערצייגט, אז עס וועט קיין סך צייט נישט נעמען און מיר וועלן מסתמא קענען אריבערגיין דעם טייך און בא־געגענען מענטשן וועלכע איך האב איבערגעלאזט אין יאר 1939, אן א „זיי געזונט", ווייל איך בין דעמאלט גענומען געווארן אין דער אקארשט געשאפענער „לעגיא אקאדע־מיצקא", אן געווער, נאר העלפן אין דער ארבעט מיט אויפרייס־מאטעריאל.

איך האב דא איבערגעלאזט ד"ר ר. פעלדשוה, וועלכער האט געארבעט אלס איבערזעצער אין דער ענגלישער אמ־באסאדע, און רחל אויערבאך וועלכע איז געווען א מיט־גליד פון דעם יידישן ליטעראטן־פאראיין. אין דעם דאזיקן אקאדעמישן הויז האט געווינט ד"ר י. שיפער מיט זיין פאמיליע און צווי קינדער, א זון און א טאכטער. דעם גענעראל, וואס איז געווען מיט א טייל פון זיין שטאב, האב איך דערציילט, אז פאר דער מלחמה האב איך דא געווינט. מיינע שיינע האפענונגען, אז איך וועל קאנען בקרוב זיין אין ווארשע און אפשר באגעגענען מיינע בא־קאנטע, זענען זיך צערונען. ער האט מיר דערציילט, אז אין ווארשע איז געווען אן אויפשטאנד, און די דייטשן האבן חרוב געמאכט די שטאט און זייער ווייניק פון די איינוווינער זענען דארט געבליבן. און די וועלכע זענען יא געבליבן האט מען צוגענומען אין קאנצענטראציע־לאגערן. ווארשע איז חרוב געווארן. אונדזער ארמיי וועט אריבער־גיין די ווייסל, ווען מיר וועלן באקומען מער אונטערשטי־צונגען פון דער רוסישער ארמיי. מיר וועלן נישט ארי־בערגיין די ווייסל ביז מער איינהייטן וועלן אהער קומען.

ווען איך האב געקוקט אויף דער שטאט האט מען נישט געזען קיין ליכט. די פינצטערניש איז געווען אין שטאט און איבער דער שטאט. מען האט געהערט שיסן. דאס עכא פון שיסן האט פארראטן דעם כאראקטער פון דעם אופן פון שיסן. דאס איז נישט געווען קיין עכא פון א קאמף, נאר פון א שיסן אויף עפעס, צו ליקווידירן, פון מאכן א סוף פון עפעס; פון חרוב מאכן עפעס אן א ווידער־שטאנד.

---

# נייע ביכער
# אין „קדימה"־ביבליאטעק

מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראטור: באנד 79. 1939 אין דער ליטעראטור. אונטער דער רעדאקציע פון שמואל ראזשאנסקי.

מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראטור: באנד 80. ווארשע אין דער יידישער ליטעראטור.
שמואל ראזשאנסקי
בוענאס איירעס 1979

מלך ראוויטש. מיין לעקסיקאן: יידישע שרייבערס, קינסטלערס, אקטיארן, כלל־טוער אין די אמעריקעס און אנד. לענדער. תל־אביב, י. ל. פרץ־פארלאג, 1980.

נחמן בלומענטאל. ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה. תל־אביב. י. ל. פרץ־פארלאג, 1980.

יוסף גאלדקארן. אומגלייבלעך און דאך ... רעפאר־טאזשן. תל־אביב. ה. לייוויק - פארלאג, 1981.

מאיר יעלין. די מיראזשן פונעם אמאק־לויפער אסקאר גריק—נאוועלע. תל־אביב 1981

יצחק יאנאסאוויטש. אין פרדס פון יידיש. עסייען און אפהאנדלונגען. תל־אביב. י. ל. פרץ־פארלאג 1980

יעקב מייטליס. פון ווייטן אמאל ביז היינט: פארשונגען און עסייען. תל־אביב. פארלאג „ישראל־בוך", 1981.

משה קאפשטיין. דאס פאלק און זיין אוצר: מעשות, משלים אין פאלקסטימלעכן פאעטישן לבוש. ניו־יארק. פארלאג „שלום", 1979.

# מגר. בן־ציון פעלדשוה

# וואַרשע — 1944

(דערמאָנונג)

אַ קאַלטער ווינטער־אָוונט. אויפן וועג צו דער וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע מאַרשירן אָפּטיילונגען פון דעם אַרטילערישן פּאָלק.

אויף די וועגן האָט מען שוין געזען דערשאָסענע דייטשע זעלנער, און הגם די האָפענונגען אַז די דייטשן וועלן פאַרלירן די מלחמה האָבן זיך געשטאַרקט מיט יעדן טאָג און שעה אין יעדן זעלנערישן האַרץ, איז נאָך דער ענדגילטיקער נצחון נישט געוואָרן בולט און קלאָר. דאָס שיסן פון די דייטשן האָט נישט אויפגעהערט און די לאַגע פון יעדן זעלנער איז נאָך געווען אין סכנה און נישט זיכער.

לאַנגזאַם האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן איינצלנע איינוווינער אויף די פּראַגער גאַסן. פון די הייזער האָבן די איינוווינער אָנגעהויבן אַרויסצוקומען נישט ראַזירטע, מיט פאַרזאָרגטע פּנימער. זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן אונדז אין די פּנימער און עס האָט אויסגעזען, אַז יעדער פון זיי וואָלט געוואָלט עפּעס פרעגן און יעדער פון זיי וואָלט געוואָלט עפּעס דערציילן, עפּעס זאָגן און עפּעס צו ראַפּאָרטירן. זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַנדערע הייזער, מסתמא פעסטצושטעלן צי זייערע קרובים אָדער באַקאַנטע זענען געבליבןביים לעבן אָדער געהרגעט געוואָרן.

אַ חוץ די טויטע דייטשן אויף די וועגן האָט מען באַמערקט פאַרוווּנדעטע דייטשן, וועלכע זענען געלעגן און געהאָפט, אַז זיי וועלן באַקומען מעדיצינישע הילף .זייער ווינציק פון אונדז האָבן געקאָנט זען פאַרוווּנדעטע דייטשן פון אַזוי נאָענט. די דאָזיקע פאָרשטייער פון דער העכערער ראַסע האָבן אויסגעזען זייער רחמנותדיק; זייער שטאָלץ האָט זיי פאַרלאָזט; זיי האָבן אַרויפגעלייגט די שולד אויף זייער גורל און אויף דער מלחמה און היטלערן. זיי האָבן דערציילט וועגן דעם ווי אַזוי זייערע עלטערן זענען אַרעסטירט געוואָרן ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. דאָס זענען געווען דייטשן, וועלכע האָבן שוין געזען מערערע מאָל ווי זייער פראָנט האָט זיך איינגעבראָכן. די דייטשן האָבן שוין געוווּסט, אַז עס דערנענטערט זיך היטלערס סוף, און אַז דאָס „טויזנט־יאָריקע רייך" ענדיקט זיך איצט. פאַר די דאָזיקע דייטשן האָט זיך די פאַרשפּילטע מלחמה געענדיקט אין פּראַגע.

פאַר דער דייטש־פּוילישער מלחמה האָב איך געוווינט אין דעם יידישן אַקאַדעמישן הויז אויף סיעראַקאָווסקי גאַס אין פּראַגע. די יידישע סטודענטן האָבן געליטן הונגער און נויט; האָבן איבערגעלעבט דערנידעריקונגען און איבערפאַלן פון די ענדעקישע סטודענטן און פּראָפעסאָרן. אויף די לעקציעס אין דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָבן יידן געמוזט שטיין אויף דער לינקער זייט פון זאַל.

די פּוילישע רעגירונג האָט זיך באַמיט צו גיין אין היטלערס וועגן און האָט באַשיימפּערלעך אונטערגעשטיצט זיין פּאָליטיק. אין 1934 האָט דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק צעשטערט דעם פראַנצויזישן פּלאַן צו אָרגאַניזירן אַ מזרח־פּאַקט צו גאַראַנטירן שלום. אין די קאָנפליקטן פון אַביסיניע און דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע איז בעק מיטגעגאַנגען דעם וועג פון איטאַליע און דייטשלאַנד. זינט דעם איבערפאַל אויף טשעכאָסלאָוואַקיע, איז פּוילן געגאַנגען בפהרסיה מיט היטלערן. דעמאָלט איז היטלער באַפאַלן פּוילן. נאָכן זיג איבער פּוילן, האָט היטלער זיך באַרימט מיט אַ ציטאַט פון חומש: „סוס ורוכבו רמה בים" — די פּוילישע אַרמיי האָט ער אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין.

דער צוטרוי צו בעקן און צו זיין פּאָליטיק איז געווען

---

און גרובנס האָבן די אַרבעטער געשטרייקט; פאַרבאַריקאַדירט זיך; צען לאַנגע טעג איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן די אַרבעטער און מיליטער.

דאָס ברעכן די שטרייק־אַקציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַרעסטן און דערשיסונגען. די פּויערים־באַוועגונג „סאָלידאַרנאָשטש", וועלכע איז אַנטשטאַנען נאָך שווערע קאַמפן מיט דער רעגירונג, איז געבליבן גלייכגילטיק און אַפּאַטיש צו די טראַגישע געשעענישן.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון „סאָלידאַרנאָשטש", וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין נאָוועמבער 1981, איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון באַזייטיקן די ראַדיקאַלע עלעמענטן פון דער באַוועגונג. די ראַדיקאַלע קרייזן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז פריער אָדער שפּעטער, וועט קומען צו אַ קאָנפראָנטאַציע צווישן „סאָלידאַרנאָשטש" און די מאַכט־האָבערס. דער פּוילישער גענעראַל דוביצקי, אַ סימפּאַטיקער פון דער נייער באַוועגונג, האָט איבערגעגעבן וואַלענסאַ און אַנדערע פירער, אַז עס גרייט זיך אַן איבערקעריניש, ווו דאָס מיליטער וועט איבערנעמען די מאַכט. דוביצקי האָט געוואָרנט און געפאָדערט, אַז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג דאַרף זיך ווי געהעריק צוגרייטן, פאַרקאָנספּירירן זיך, שאַפן אַ זעלבסט־פאַרטיידיקונג; שאַפן קעמערלעך און עטלעכע איבונגס־גרופּן, אין פאַל פון אַרעסטן. דער גענעראַל האָט אינפאָרמירט וואַלענסאַ און זיינע מיטאַרבעטער, אַז אין דער אַקציע פון ליקווידירן „סאָלידאַרנאָשטש" וועט אָנטייל נעמען סאָוויעטיש מיליטער אין פּוילישע מונדירן. ער האָט איבערגעגעבן, אַז אַ פאַבריק אין פּויזן נייט שוין אַ לענגערע צייט מונדירן און מאַנטלען פאַר מיליטער און שיקט עס איבער קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. די וואָרענונגען פון גענעראַל זענען נישט גענומען געוואָרן אין אַכט. דאַקעגן זענען די וואָרענונגען פון גענעראַל דוביצקי שנעל באַוווּסט געוואָרן זיין געוועזענעם חבר גענעראַל יאַרוזעלסקי. קורץ פאַר דער איבערקעריניש איז דעם גענעראַל דוביצקי געלונגען צו אַנטלויפן קיין מערב־דייטשלאַנד.

דעם 13טן דעצעמבער 1981 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל אין דער פּוילישער פרייהייט־באַוועגונג. יונגע מענטשן, דערצויגענע אין קאָמוניסטישן רעזשים, זענען די נייע אונטערערדישע אַקטיוויסטן, וועלכע פירן ווייטער דעם קאַמף קעגן פאַרהאַסטן קאָמוניסטישן סיסטעם.

„געשעפטן“, וועלכע די פּאָלאַקן האָבן געמאַכט מיט לענדער, באַהערשטע דורך די סאָוויעטן.

די נייע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן אַ וואָכנשריפט אונטערן נאָמען „סאָלידאַרנאָשטש“. אין דער צייטונג פלעגן סיסטעמאַטיש פאַרעפנטלעכט ווערן אַרטיקלען וועגן די קרימינעלע און פּאָליטישע פאַרברעכנס פון דער פּאַרטיי און רעגירונג במשך די 36 יאָר קאָמוניסטישער הערשאַפט. אַ פולע ליסטע פון פּאָליטישע מאָרדן איבער אירע קעגנער; די אָפּגענאַרטע אַמנעסטיעס פאַר פּאָליטישע קעגנער אין די יאָרן 1946־1948. די אַמנעסטירטע זענען שפּעטער ווידער אַרעסטירט געוואָרן, פאַראורטיילט און פיל זענען געוואָרן דערמאָרדעט; די בלוטיקע ראָל פון העכסטן מיליטערישן געריכט; אַ פּרעציזע אַרבעט מיט פאַקטן און דאָקומענטן וועגן קעלצער פּאָגראָם, מיט נעמען פון די אָפיצירן און פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם; אַ רייכער מאַטעריאַל וועגן אויפשטאַנד פון די אַרבעטער אין פּויזן אין יאָר 1956, ווען ס׳זענען דערמאָרדעט געוואָרן 69 אַרבעטער און הונדערטער פאַרוואונדעטע. די „אָפּעראַציע פּויזן“ האָבן אַדורכגעפירט סאָוויעטישע סאָלדאַטן אין פּוילישע מונדירן. דאָס וואָכנבלאַט „סאָלידאַרנאָשטש“ האָט פאַרעפנטלעכט אויסשעפּלעכע דאָקומענטן וועגן די געשעענישן אין גדיניע און דאַנציק, וווּ ס׳זענען דערמאָרדעט געוואָרן 49 אַרבעטער און הונדערטער זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. דער מאָרד איבער אַרבעטער אין די פּאָרט־שטעט איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט דער מיטהילף פון סאָלדאַטן פון מזרח־דייטשלאַנד, אָנגעטאָן אין פּוילישע מונדירן.

גאָר שוידערלעך איז געווען דאָס אַרטיקל אין דער וואָכנשריפט וועגן דער אַנטי־יידן העצע, אָרגאַניזירט דורך דער פּאַרטיי אין די יאָרן 1967־68. דאָס אויסראַבעווען און פאַרטרייבן די יידן פון פּוילן. אין דעם זעלבן אַרטיקל איז ברייט באַשריבן געוואָרן די בלוטיקע ליקווידירונג פון סטודענטן אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אַ צווייטע סעריע אַרטיקלען זענען געווען געווידמעט די קרימינעלע פאַרברעכנס פון פּאַרטיי־ און רעגירונגס־פונקציאָנאַרן. אין די אַרטיקלען זענען אָנגעגעבן געוואָרן די צאָל הייזער און ווילעס, אויטאָס און קונסט־ווערק, אויסלענדישע רייזעס מיט קאָנטעס אין אויסלענדישע בענק. ווי מיר זעען, איז דאָס אויסראַבעווען פּוילן נישט געווען בלויז די אַרבעט פון סאָוויעט־רוסלאַנד. אין דעם רויב האָבן אָנטייל גענומען 26 טויזנט פּוילישע פּאַרטיי־מיטגלידער — פון די העכסטע אינסטאַנצן ביז געוויינלעכע פּאַרטיי־מיטגלידער.

**אין די נאָטיצן וועגן פאַרברעכנס פון די העכסטע פּאַרטיי־מיטגלידער איז אָנגעגעבן, אַז גערעקס פּרוי איז געפאָרן אַלע פּאָר וואָכן צום פּריזיער קיין ווין.**

די באַוועגונג „סאָלידאַרנאָשטש“ האָט געהאַט אין אירע רייען איבער צען מיליאָן מיטגלידער און מיליאָנען סימפּאַטיקער פון אַלע קרייזן און שיכטן. די דיסציפּלין איז געווען אַ מוסטערהאַפטע; ס׳איז נישט געווען קיין פאַל פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע אַרויסטרעטונגען; ס׳איז נישט פאַרגאָסן געוואָרן קיין טראָפּן בלוט; ס׳איז נישט אונטערגעצונדן געוואָרן קיין איין פּאַרטיי־געבידע, ווי דאָס איז געווען אין יאָר 1970. פאַרקערט, די „אובע“ האָט פיל מאָל געשלאָגן און אַרעסטירט מיטגלידער פון דער נייער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער פּוילישער קלער האָט אָנגעוואָרפן די טאַקטיק פון נישט רעאַגירן אויף פּראָוואָקאַציעס מצד דער רעגירונג. דער פּוילישער קלער האָט אָנטייל גענומען אין אַלע באַראַטונגען מיט די רעגירונגס־פאַרשטייער. די גלחים זענען געווען אָנוועזנד אויף אַלע פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען פון „סאָלידאַרנאָשטש“. אין יעדער פאַבריק און אונטערנעמונג האָט דער קלער איינגעריכטעט אַלטאַרן און קרוציפיקסן מיט הייליקע בילדער, ווו אַרבעטער האָבן געקניט און געבעטן און געקושט דעם צלם.

די קירכע ווערט אַ דריטער צד אין די באַשלוסן און האַנדלונגען פון דער נייער באַוועגונג. די קירכע שטייט אויף דער וואַך, אַז דער אַרבעטער זאָל נישט ווערן צו ראַדיקאַל און נישט אַרויסרוקן קיין צו ראַדיקאַלע פאָדערונגען.

דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע האָט אין דער נאַכט פון 12טן אויפן 13טן דעצעמבער 1981 טעלעפאָנירט קיין רוים, צום פּוילישן פּויפּסט — איבערגעבנדיק אים, אַז ער האָט באַקומען פאַרטרויליכע אינפאָרמאַציעס, אַז אַ מיליטערישע יונטע מיטן גענעראַל יאַרוזעלסקי אין דער שפּיץ, גייען איינפירן קריגס־צושטאַנד, מיט אויסעראָרדנטלעכע שאַרפע רעפּרעסיעס קעגן דער „סאָלידאַנאָשטש“־באַוועגונג. אין דער זעלבער נאַכט זענען ווירקלעך אַרעסטירט געוואָרן צענדליקער טויזנטער טוער פון דער נייער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, ליטעראַטן און שרייבער, סטודענטן און פּראָפעסאָרן ווי אויך אַ גרויסע צאָל פרויען. אין דער זעלבער נאַכט איז אויך אַרעסטירט געוואָרן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „סאָלידאַרנאָשטש“, מיטן פאַרזיצער לעך וואַלענסאַ. ספּעציעלע איינהייטן, וועלכע מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן „זאמא“, זענען באַשטאַנען פון סאָוויעטישע מיליטער־לייט אָנגעטאָן אין פּוילישע מונדירן. די טויזנטער אַרעסטירטע האָבן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד און זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין פאַרויסצוגעגרייטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דעם 13טן דעצעמבער אין דער פרי האָט דער פּויפּסט צו וויסן געגעבן דעם פּוילישן עפּיסקאָפּאַט, אַז אין פאַל אויב ס׳וועט דערקלערט ווערן אויסנאַם־צושטאַנד פון יאַרוזעלסקיס יונטע, זאָל די פּוילישע באַפעלקערונג פאַרהאַלטן זיך רואיק און נישט אַקעגנשטעלן זיך. קאַרדינאַל גלעמפּ האָט גלייך פאַראָרדנט, אַז אויף די זונטיקדיקע גאָטעס־דינסטן זאָלן אין אַלע קירכעס אויפגעפאָדערט ווערן אַז די באַפעלקערונג זאָל זיך פאַרהאַלטן פּאַסיוו צו דער ניי־געשאַפענער לאַגע. די גלחים האָבן אויפגעפאָדערט די גלויביקע, אַז זיי זאָלן זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם מיליטער און יעדער דאַרף נאָרמאַל צוריקגיין צו דער אַרבעט. דער רוף פון קלער איז נישט גענומען געוואָרן צו קענטעניש. אין הונדערטער פאַבריקן

וו. יאַבלאָנסקי

# דעם קרעמלס שלאַכטשיץ

נאָך 36 יאָר קאָמוניסטישער הערשאַפט אין פּוילן, איז אויפן באַפעל פון מאָסקווע, איינגעפירט געוואָרן קריגס־צושטאַנד קעגן אַרבעטער קלאַס, פּויערטום און אינטעליגענץ. פון קריגס־צושטאַנד „געניסן" ביים היינ־טיקן טאָג אַלע שיכטן פון פאָלק. דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק איז געוואָרן באַשטראָפט. די שטראָף איז: הונגער קעלט, אַרעסטן און דערשיסונגען. די אַלע שיקאַנעס פון יאַרוזעלסקיס מיליטערישער יונטע זענען אַפילו דורך די נאַציס נישט אַנגעוואַנדן געוואָרן קעגן פאָלאַקן. פון דער הערשנדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז מער נישט געבליבן ווי אַ צענטראַל־קאָמיטעט און דער פּאַרלאַמענט, וועלכער פירט אויס די באַפעלן פון דער מיליטערישער יונטע. אַזאַ פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכע קאַטאַסטראָפע ווי אין פּוילן, איז נאָך נישט געווען אין קיין שום קאָמוניס־טישן לאַנד.

ווער זענען די שולדיקע אין דעם פּאַנאַנדערפאַל פון דער פּוילישער ווירטשאַפט, פינאַנסן און אַדמיניסטראַציע?

אין דער צייט פון דער אָלימפּיאַדע אין מאָסקווע האָט די פּוילישע רעגירונג רעקווירירט ריזיקע קוואַנטומס עסן און עס איבערגעשיקט קיין מאָסקווע פאַר די הונדערט טויזנט אַטלעטן און געסט. אויסער דעם האָט פּוילן אויס־געפירט אירע פאַרפליכטונגען אין שפּיז און טעכנישער אויסשטאַטונג פאַר אירע פאַרבינדעטע אין עטיאָפּיע, תימן, אַנגאָלאַ און וויעטנאַם.

דער מאַנגל אין אַרטיקלען פון ערשטן געברויך האָט דערפירט צו אומצופרידנקייט און שטרייקן אין די פּאָרט־שטעט און שפּעטער אין גאַנץ פּוילן. די נייע פּראָפעסיאָ־נעלע באַוועגונג, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין יולי 1980, האָט מיט איר ערשטער שטרייק־אַקציע אַרומגענומען אי־בער 10 מיליאָן אַרבעטער — פון קליינע און גרויסע אונטערנעמונגען — אַפילו די וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר דער קריגס־אינדוסטריע. מערקווירדיק איז דאָס, וואָס אַלע שיכטן פון פאָלק האָבן געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. ס'איז געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די אַרבעטער און באַאַמטע, צווישן פּויערים און דער אינטעליגענץ. אַפילו אַ גרויסער טייל פון פּאָליציי־אָפּטיילונגען האָבן זיך אָנ־געשלאָסן אין דער נייער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג „סאָ־לידאַרנאָשטש".

די נייע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן פאָדערן נישט נאָר בעסערע באַדינגונגען און מער פרייהייט; זי האָט אָנגעהויבן פאָדערן פון דער פּאַרטיי און רעגירונג אַ רעכענונג פון די ביליאָנען דאָלאַרן, וועלכע זענען געבאָרגט געוואָרן דורך די באַנקירן פון מערב־אייראָפּע. „סאָלידאַרנאָשטש" האָט געפאָדערט פון דער רעגירונג איינצלהייטן: ווער זענען די אָפּנעמער פון די פּוילישע אויסאַרבעטונגען און דער לאַנד־ווירטשאַפט? גלייכצייטיק האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען אין די האַלב־לעגאַלע אויסגאַבן מיט ציפערן און פאַקטן וועגן קאָמוניסטישע לענדער, צוזאַמען מיט סאָוויעט־רוסלאַנד, וועלכע נעמען אָפּ די פּוילישע פּראָדוקציע און צאָלן נישט קיין גראָשן. לעצטנס האָט סאָוויעט־רוסלאַנד אָנגעהויבן צאָלן אין רובלס — פאַר איין דאָלאַר האָט מען באַקומען 62 קאָפּיקעס און פאַר די קאָפּיקעס האָט פּוילן נישט גע־קאָנט איינקויפן און נישט צאָלן קיין פּראָצענטער די מערב־באַנקירן. מיט דער גאַנצער פּוילישער אינדוסטריע דיס־פּאָנירט סאָוויעט־רוסלאַנד. די רוסן האָבן באַשטעלט טאַנ־קען און אַמוניציע פאַר וויעטנאַם און עגיפּטן, אויף קרע־דיטן וועלכע האָבן געזאָלט געצאָלט ווערן אין 40 יאָר אַרום. אויסער געווער, האָבן די פּאָלאַקן געבויט באַראַקן און וווינונגען פאַר אַנגאָלאַ און מאָזאַמביק אויף די זעלבע באַדינגונגען.

מיר זענען נישט אין שטאַנד אויסצורעכענען די אַלע

---

אַ יאָר. ער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן זעקס יאָר (סער זלמן קאָהען — נאָך דריי יאָר). געווען אין קאַמבערא אין דער אָפיציעלער רעזידענץ, ווו ער איז געווען זייער פּאָ־פּולער ביי די אויסטראַליער.

דער ענגלישער קעניג האָט אים געשיקט אַ דאַנק־בריוו פאַר זיין טרייער און לאָיאַלער אַרבעט אַלס זיין פאַר־טרעטער; זייענדיק שפּעטער אין לאָנדאָן, איז אייזיקס אויפגענומען געוואָרן דורכן קעניג אויף אַ לענגערער אוידיענץ.

נאָך זיין צוריקקער קיין מעלבורן, האָט ער זיך צוריק־געצויגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן: געשריבן אַרטיקלען אין דער אויסטראַלישער פּרעסע, דער עיקר אויף דער טעמע פון אַנטי־ציוניזם. דער 92 יעריקער אייזיקס האָט ביז צו דער לעצטער מינוט אליין געשריבן זיינע אַרטיק־לען, אויף אַ שרייב־מאַשין; ער איז געשטאָרבן אין מעל־בורן אין 1948, ער איז באַערדיקט געוואָרן אויפן יידישן בית עולם אין קאַרלטאָן.

אין דער טורעק־שול ווו עס איז פאָרגעקומען זיין לוויה, האָבן זיך פאַרזאַמלט דער פּרעמיער־מיניסטער, דער קאַ־בינעט, פאַרשטייער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, פון דער אַרמיי א.א.וו. דעם הספד האָט געהאַלטן ראַביי דאַנגלאַו ע"ה און דער פּרעמיער־מיניסטער.

דער גאַנצער וועג פון לוויה־צוג פון סט. קילדא ראוד, סוואָנסטאָן סטריט און לייגאָן סטריט ביז צום קאַרלטאָן בית־עולם איז געווען אָנגעפילט מיט טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד אַ מענטשן, וועלכער האָט געהאָלפן פאַראייניקן אַ לאַנד, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע סעפּאַראַטע קאָלאָניעס.

וועגן סער אייזיקס איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך ביכער, צווישן זיי האָט דער איצטיקער גענ. גובערנאַטאָר סער זלמן קאָהען אָנגעשריבן אַ באַדייטנדיק בוך. אין די אַלע ביכער ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז געווען אַ גרויסער אויסטראַליער, וועלכער האָט פיל ביי־געשטייערט צו אויסטראַליעס פּראָגרעס און אַנטוויקלונג.

ש. בענעט

# דער ערשטער יידישער גענעראַל־גובערנאַטאָר

**(סער אייזיק אייזיקס — מיט 50 יאָר צוריק)**

דעם 22טן יאַנואַר 1931 איז אייזיק אייזיקס באַשטימט געוואָרן אויפן הויכן פּאָסטן אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר פון אויסטראַליע. ער איז געווען דער ערשטער ייד צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן אַלס פאַרטרעטער פון ענגלישן קעניג.

סער זלמן קאָהען איז דער צווייטער ייד צו פאַרנעמען דעם דאָזיקן פּאָסטן. צוויי אויסטראַלישע יידן, בײדע פּראָמינענטע אין זייער פּראָפעסיע פון יוריספּרודענץ, אָבער וואָס פאַראַ קאָנטראַסט איז פאַראַן צווישן די צוויי פּערזענלעכקייטן.

סער אייזיק איז געווען איינער פון די שעפער פון דער אויסטראַלישער קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער מר. ווהיטלאַם איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין פּאָסטן אַלס פּרעמיער־מיניסטער, כאָטש אַן אויסגעוויילטער מיט אַ מערהייט שטימען. אין דער קאָנסטיטוציע איז אָבער פאָראויסגעזען אַזאַ פאַל, אַז דער גענ. גובערנאַטאָר קען דעמיסיאָנירן אַ פּרעמיער־מיניסטער

סער אייזיקס וועלכער איז געקומען אויף דעם פּאָסטן מיט 50 יאָר צוריק און סער דזשאָן קער — דער וועלכער האָט אַראָפּגעזעצט ווהיטלאַמען פון זיין אַמט, זיי בײדע זענען באַשטימט געוואָרן דורך לייבאָר־רעגירונגען.

דער ליבעראַלער פּרעמיער־מיניסטער מר. פרייזער האָט באַשטימט זלמן קאָהען אַלס וויצע־קעניג, כדי פאַרהיילן די שווערע ווונדן וועלכע סער דזשאָן קער האָט אָנגעמאַכט אינעם אויסטראַלישן לעבן.

ווען מיר צוריקגיין אַ האַלבן יאָרהונדערט אין אויסטראַליעס געשיכטע, און זיך אָפּשטעלן אויף דער מערקווירדיקער פיגור פון סער אייזיקס. — אַ מעלבורנער ייד, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון זיין יונג היימלאַנד.

אַ סך פּראָמינענטע אויסטראַליער האָבן פאַרנומען דעם הויכן פּאָסטן, אָבער קיינער פון זיי האָבן זיך נישט אַזוי אויסגעצייכנט ווי סער אייזיק אייזיקס.

זיין לעבנס־געשיכטע איז אַ מערקווירדיקע. אויף די עלטערע יאָרן, א בן שבעים, ווען ער דאַרף גיין אויף עמעריטור, הויבט זיך אָן פאַקטיש זיין קאַריערע, וועלכע האָט אים צוגעבראַכט צום הויכן פּאָסטן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1855, אין לאָנדסדייל סטריט, סיטי, אין דער וווינונג הינטער זיין פאָטערס שניידער־וואַרשטאָט; 20 יאָר שפּעטער ווי די שטאָט מעלבורן איז געגרינדעט געוואָרן.

זיינע עלטערן זענען געווען אָרעמע יידישע עמיגראַנטן פון ווייטשעפּל, לאָנדאָן, שוין אין זיין יוגשאַפט האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע טאַלענטן. אין זיין אָפיציעלער ביאָגראַפיע איז פאַראַן אַ לאַנגע רשימה פון אַמטן, וועלכע ער האָט פאַרנומען: אַדוואָקאַט, פּאָליטיקער, מיניסטער, איינער פון די שעפער פון דער קאָנסטיטוציע; איינער פון די ערשטע דעפּוטאַטן פונעם ניי־געגרינדעטן פעדעראַלן פּאַרלאַמענט; הויפּט־ריכטער פון אויסטראַליע ביז צום פּאָסטן פון וויצע־קעניג.

ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָבן זיינע עלטערן זיך אַוועקגעצויגן פון מעלבורן אין אַ פּראָווינץ־שטעטל אין וויקטאָריע; דער פאַרוואַלטער פון דער מלוכה־שול האָט דאַן איינגעזען די פעאיקייטן פונעם קליינעם אייזיקס און געראָטן זיינע עלטערן צו געבן אים העכערע בילדונג.

אַלט זייענדיק 25 יאָר עפנט ער זיין פּריוואַטע פּראַקטיק אַלס באַריסטער אין קאָלינס סטריט; זיין פּראַקטיק איז געוואַקסן; ער איז געוואָרן פּאָפּולער אַלס דער בעסטער אַדוואָקאַט אין מעלבורן. ער איז געווען אַ גוטער רעדנער, געקענט גוט דעבאַטירן אין געריכט מיט אַרגומענטן וועלכע האָבן אויסגענומען ביי די ריכטער, ער איז אויך געווען דערפאָלגרייך אין פּאָליטישן לעבן, און אין יאָר 1892 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין וויקטאָריער פּאַרלאַמענט, ווו ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס יוסטיץ־מיניסטער. אין 1897 איז ער באַשטימט געוואָרן צוצוגרייטן די אויסטראַלישע קאָנסטיטוציע.

ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון פּאָליטישן לעבן אין 1906, באַשטימט געוואָרן אַלס ריכטער פונעם העכסטן געריכט אין אויסטראַליע. ער האָט באַהערשט פיל אייראָפּעאישע שפּראַכן, צווישן זיי אויך יידיש. ער פלעגט באַזוכן די סט. קילדאַ־שול ווו ער איז געווען אַ מיטגליד. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געלייגט דעם גרונטשטיין פון טהרה־שטיבל, ביי דער חברה קדישא אין קאַרלטאָן, ער האָט דאָרטן געהאַלטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שטאָלץ צו זיין אַ ייד. ער איז גלייכצייטיק אָבער געווען אַ קעגנער פון פּאָליטישן ציוניזם, געשריבן אַרטיקלען אין די ענגליש־יידישע צייטונגען, ווו ער האָט אָנגעגריפן ציוניסטן. אַליין זיך געהאַלטן פאַר אַן ענגלישן פּאַטריאָט.

אין 1928 האָט ער באַקומען דעם ערן־טיטול „סער" פון ענגלישן קעניג, דעם 22טן יאַנואַר 1931 איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס גובערנאַטאָר פון אויסטראַליע. די נאָמינאַציע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורם, נישט בלויז אין אויסטראַליע, נאָר אויך אין ענגלאַנד, ווו די ענגלישע אַריסטאָקראַטן און דער קעניג זענען געווען קעגן דער נאָמינאַציע פון אַ ייד, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ לייבאָר־רעגירונג.

אייזיק איז געווען דער ערשטער אויסטראַליש געבוירענער „גאָווענאָר דזשענעראל" און דערצו אַ ייד, אַ שניידעס אַ זון, מיט אַ געהאַלט פון 10 טויזנט פונט

ראַל אינעם לעבן פון דער אויסטראַלישער גייסטיקער עליטע.

מיר ווילן ברענגען אַ לענגערן אויסצוג פון קליידי פאַקערס רעדע, אין וועלכער ער האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ריטשאַרד קריגערס פאַרדינסטן פאַר דעם זשורנאַל. ער האָט געזאָגט צווישן אַנדערן:

„מיין אָנגענעמע אויפגאַבע איז צו פאַרענדיקן די קלאַנגען און דיספּוטן וועגן דער קאָנטראָל איבער „קוואַדראַנט". איך וויל דאָ קודם אַפּלייקענען „קוואַדראַנטס" געבורט־פאַטער. עס איז נישט די סי־אײ־אַ (די אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע). איך ווינטש מיר טייל מאָל אַז עס וואָלט געווען אַזוי עס איז אויך נישט קיין אַנדערע מיסטעריעזע קערפּערשאַפט. עס איז אַ מענטש וועלכער זיצט דאָ נעבן אונדז און זיין נאָמען איז ריטשאַרד קריגער. ריטשאַרדס געשיכטע דאָס איז די געשיכטע פון „קוואַדראַנט" און איך וויל אין אַ פּאָר מינוט דערציילן ווי אַזוי די דאָזיקע אַדיסיי האָט זיך אָנגעהויבן. אַן ערך פערציק יאָר צוריק האָט ריטשאַרד קריגער, אַ פּוילישער פּליט ווי ער באַצייכנט זיך אַפּט, געמאַכט אַ וווּנדערלעכן ויברח פון פּוילן, דריי מינוטן איידער די נאַציס זענען אַריין קיין וואַרשע. ער איז אָנגעקומען קיין ליטע און דורך מאָסקווע קיין וולאַדיוואָסטאָק און טאָקיאָ, און שפּעטער קיין סידנעי. ריטשאַרד האָט געטראַכט עפּעס צו טאָן וועגן די פּראָבלעמען וועגן וועלכע דער פּרעמיער־מיניסטער האָט אַזוי אויסדרוקפול היינט גערעדט; און אַזוי האָט ער, אַ ייד פון פּוילן, מיט העכער 25 יאָר צוריק זיך צונויפגעטראָפן מיט סער דזשאָן לאַטהאַם און פּראָפעסאָר דזשעמס מעק־אָולעי. אָט די דריי מענטשן האָבן געפונען אַ געמיינזאַמע באַזע און אַזוי אַרום געפינען מיר זיך היינט אין דער געזעלשאַפט פון פּרעמיער־מיניסטער. עס איז אַ כבוד פאַר ריטשאַרד קריגער, דער מענטש וואָס שטעלט זיך אַפּט אין שאָטן, אָבער ער איז אַ מענטש מיט פעסטע פּרינציפּן און מיר זענען אַלע צופרידן פאַר דער אָנערקענונג וואָס ער האָט געקראָגן דורכן באַקומען אַן „אָ.ב.ע." עס איז אַ דינער נישט נאָר פאַר „קוואַדראַנט", נאָר אויך פאַר ריטשאַרד קריגערס 25־יאָריקע טעטיקייט אין דינסט פון מענטשלעכער ווערדע".

„קוואַדראַנט" איז פון אַ דריי־חודשניק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל, בעת „מינדזשיך" איז היינט אַ דריי־מאָנאַטלעכער זשורנאַל.

במשך דער צייט זענען אַנטשטאַנען אַנדערע ליטעראַרישע זשורנאַלן. איך וויל בלויז דערמאָנען: „אָווערלאַנד", וועלכער ווערט רעדאַגירט דורך סטעפאַן מאַרעי־סמיט, אַ באַדייטנדיקע ליטעראַרישע פיגור; ער איז לינק אָריענטירט, געווען אַ מאָל אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און גרופּירט אַרום זיך אַ ריי אַנדערע געוועזענע קאָמוניסטן, ווי דייוויד מאַרטין, אַ געקומענער פון אונגאַרן (דרך אגב, איז מאַרעי־סמיט אַן אײדעם פון אָמאָליקן קאָמיטעט־מיטגליד פון „קדימה", בלוטאַל). „אָווערלאַנד" דערשיינט יעדע דריי מאָנאַטן און האָט דערגרייכט דעם נומער 85, בעת „קוואַדראַנט" האָט שוין דערגרייכט דעם נומער 170. „קוואַדראַנט" באַקומט שוין זינט אַ לענגערע צייט, פּונקט ווי „אָווערלאַנד", אַ סובסידיע פון מלוכהשן ליטעראַרישן פאָנד.

דער דאָזיקער איבערזיכט שעפּט ווייט נישט אויס דעם פאַרנעם פון די אויסטראַלישע ליטעראַריש־קריטישע זשורנאַלן, וועלכע האָבן די לעצטע צענדליקער יאָרן דורכגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונג. אין וועלט־מאַסשטאַב, לגבי אַמעריקע און ענגלאַנד, איז אויסטראַליע נישט קיין וויכטיקער ליטעראַרישער צענטער, הגם זי האָט שוין איר נאָבעל־פּרייז טרעגער — ווייט. אָבער די אויסטראַלישע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך ראַשנדיק. די אוניווערסיטעטן לאָזן אַרויס יעדן יאָר צענדליקער שעפערישע כוחות — פּראָזאַיקער און פּאָעטן, וועלכע וועלן וואָס אַ מאָל מער באַרייכערן דאָס אויסטראַלישע גייסטיקע לעבן.

---

## פלענער פון אינטענסיווער קולטור־אַרבעט אויפן יאָר 1982

די עקזעקוטיווו פון „קדימה", וועלכע איז גלייכצייטיק די קולטור־קאָמיסיע, האָט אַוועקגעגעבן פיל צייט אויסצואַרבעטן און צוצוגרייטן די קולטור־אונטערנעמונגען פון היינטיקן יאָר.

אין חודש מערץ איז פאָרויסגעזען אַ קאָנצערט פון „קדימה" צוזאַמען מיטן „שלום"־קלוב.

אין חודש אַפּריל איז אונדזער גאַסט דער שרייבער יהודה עלבערג פון קאַנאַדע. י. עלבערג האָט איבערגעלעבט דעם וואַרשעווער געטאָ און וועט זיין דער ידיש־רעדנער אויף דער אַלגעמיינער געטאָ־אַקאַדעמיע.

ער איז גוט באַקאַנט צוליב זיינע ביכער: „אונטער קופּערנע הימלען"; „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט". ער וועט האַלטן אַ ריי רעפעראַטן אין „קדימה".

אין חודש מאַי איז פאָרויסגעזען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג פון דעם יוגנט־טעאַטער (אין ידיש).

אין ערשטן האַלבן יאָר וועט אויך פאָרקומען די פּרעמיערע פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, וועלכע ס'גרייט דער דוד הערמאַן טעאַטער.

אין אויגוסט־סעפּטעמבער וועט דער אָפיציעלער גאַסט־רעדנער זיין ד"ר העשל קלעפּפיש. ער איז אַ פיינער לעקטאָר און מחבר פון אַ באַנד עסייען „עכאָס פון אַ פאַרשוווּנדענער צייט".

מיר פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן ישראלדיקן קינסטלער־טריאָ — די דריי שמואליקס — און באַמיען זיך זיי זאָלן באַזוכן מעלבורן.

פון לאָקאַלע כוחות איז דערווייל פאָרויסגעזען אַ ציקל לעקציעס (אַ מין פאָלקס־אוניווערסיטעט) וועגן תנ"ך פון באַקאַנטן פּאָעט אברהם ציקערט.

זייער אָפּקלאַנג געווען אַ באַגרענעצטער און איז נישט דערגאַנגען צום אויסטראַלישן לייענער.

ס׳האָט זיך אָבער געפונען איין מענטש אין סידנעי, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו ענדערן די ריכט־ליניעס פון דער אויסטראַלישער ליטעראַרישער סביבה. געווען איז דאָס אַ „פרעמדער״, נישט קיין היגער, נאָר אַ פּליט פון וואַרשע, און אַ ייד דערצו. זיין נאָמען איז ריטשאַרד קריגער.

ער איז געקומען אַהער אין סאַמע מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1941. אַ ייִדישער אינטעליגענט, אַסימילירט אין דער פּוילישער שפּראַך, אַ מיטגליד פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּ.פּ.ס.; געקומען אַן אַ שפּראַך, אַן אַ וועלכן ס׳איז באָדן אונטער די פיס; אַ מלחמה־אַנטלאָפענער פון דער ברענענדיקער וואַרשע וואָס איז שוין אָקופּירט געווען פון דער דייטש־נאַצישער אַרמיי. דער וועג אַהער האָט אים געפירט: צו ערשט פון ווילנע (דאַן אונטער ליטווישער הערשאַפט), שפּעטער דורך מאָסקווע מיט דער טראַנס־סיבירער באַן קיין וולאַדיוואָסטאָק, פון דאָרט קיין יאַפּאַן. דאָ האָט ער געקראָגן פון דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אַ וויזע קיין אויסטראַליע.

פאַר ריטשאַרד קריגער דעם פּליט, איז דאָס לעבן דאָ געווען ענלעך ווי פאַר אַ סך פון אונדז. ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס קעלנער אין אַ רעסטאָראַן און צום שלימזל — פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן אַ וואָך איידער דער אייגנטימער האָט געוווּנען אַ גרויס געווינס אויף דער לאָטעריע. קריגער איז געוואָרן טעטיק אין דער אַרבעט לטובת ניי־געקומענע פּליטים אין סידנעי, אָבער ער האָט געשטרעבט צו דערגרייכן פיל מער — אַריינצושטעלן אַ פוס אין דער אויסטראַלישער ליטעראַרישער סביבה. אָט דער „פרעמדער״ האָט דאָס דערגרייכט אַ דאַנק זיין אינטעליגענץ און שטאַרקן ווילן.

מיט העכער פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער געשלאָסן קאַנטשאַפט מיט דעם עמעריטירטן יורי־פּראָפעסאָר פון מעלבורנער אוניווערסיטעט און אַ שרייבער פון ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען אין דער היגער טעגלעכער צייטונג „די עידזש״, דזשאָן לאַטהאַם, אַ מענטש מיט קאָנסערוואַטיווע איינשטעלונגען; און דעם פּאָעט דזשעמס מעק־אָולעי, פּראָפעסאָר פון טאַסמאַניער אוניווערסיטעט און אַ באַקערטער צום קאַטאָליציזם. אָט דער דרייליגנ האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַן ערנסטן ליטעראַרישן זשורנאַל אונטערן נאָמען „קוואַדראַנט״. צו ערשט איז עס געווען אַ דריי־חודשניק און מיט דער צייט איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ מאָנאַטלעכער אויסגאַבע.

אָבער ווו נעמט מען געלט אויף אַזאַ אונטערנעמונג? ס׳איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די אויסטראַלישע ליטעראַרישע פאַרהעלטענישן, אַז בעת דער פּראָ־קאָמוניסטישער זשורנאַל „מינדזשין״ האָט געקראָגן אונטערשטיצונג פון דעם ליטעראַטור־פאָנד פון דער אויסטראַלישער רעגירונג, וועמענס פאָרזיצער ס׳איז געווען דער סאַמע קאָנסערוואַטיווסטער פון די אויסטראַלישע רעגירונגס־פירער, ראָבערט מענזיס, האָט מען דעם „קוואַדראַנט״ אָפּגעזאָגט וועלכע ס׳איז אונטערשטיצונג. דאַן האָט ריטשאַרד קריגער זיך געווענדעט צו דעם קאָנגרעס פאַר קולטורעלער פרייהייט, אַן אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגנצושטעלן זיך דעם קאָמוניסטישן איינפלוס אויף דער אינטעלעקטועלער עליטע אין דער וועלט. קריגער האָט געקראָגן די נויטיקע אונטערשטיצונג און דער זשורנאַל גייט אַרויס שוין פינף און צוואַנציק יאָר.

דער „קוואַדראַנט״ גרופּירט אַרום זיך די מעסיקע און אַנטי־קאָמוניסטישע עלעמענטן פון דער אויסטראַלישער ליטעראַרישער סביבה און האָט זיך דערוואָרבן אַן אָנגעזעענעם נאָמען. ריטשאַרד קריגער האָט דערגרייכט זיין ציל — דער „מינדזשין״ האָט פאַרלוירן דעם מאָנאָפּאָל צו זיין דער אויסשליסלעכער פירשפּרעכער אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור.

די רעדאַקטאָרן פון „קוואַדראַנט״ זענען היינט צו טאָג: פּראָפעסאָר ה. וו. אַרנדט פון קאַנבעראַ־אוניווערסיטעט (אויך אַ „פרעמדער״, אַ דייטש־ייִדישער פּליט) און פּעטער קאָלמאַן, אַן אויסטראַלישער זשורנאַליסט און היינט אַ פּאַרלאַמענט־מיטגליד אין קאַנבעראַ פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע געפינען מיר: דעם באַקאַנטן זשורנאַליסט סעם ליפּסקי, דער פּאָפּולערער אין די ייִדישע קרייזן ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־קאָמענטאַטאָר; פּראָפעסאָר לעאָני קראַמער, אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט און איז איצט באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער מלוכהשער ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־געזעלשאַפט „עי־בי־סי״. מיר געפינען דאָ דעם נאָמען קליד פּאַקער, פון דער באַקאַנטער פאַרלעגערישער פאַמיליע אין סידנעי; דער הומאָריסט־אַרטיסט בערי האַמפרעי און נאָך אַנדערע ווייניקער פאַר אונדז באַקאַנטע נעמען פון דער אויסטראַלישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין זיין אָנהויב־פּעריאָד האָט אין דער נאָמינעלער רעדאַקציע פיגורירט אונדזער יהושע ראַפּאָפּאָרט.

צו דעם 25־יאָריקן יובילײ פון זיין עקזיסטענץ האָט „קוואַדראַנט״ איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן באַנקעט אין סידנעי, צו וועלכן עס איז געקומען: דער פּרעמיער־מיניסטער פרייזער; דער רעדאַקטאָר פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער זשורנאַל „קאָמענטערי״ נאָרמאַן פּאָדהאָרעץ און זיין פרוי מידזש דעקטער (זי האָט דאָ געלייענט אַ לעקציע אויף אַ סעמינאַר אין קאַנבעראַ, וואָס איז געוואָרן אָפּגעהאַלטן אין די טעג פון דעם „קוואַדראַנט״־באַנקעט). „קאָמענטערי״, ווי באַוווּסט, ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס און ער ווערט הויך געשעצט אין דער ענגליש־רעדנדיקער ליטעראַרישער וועלט. „קוואַדראַנט״ קאָפּירט זייער שטאַרק אָט דעם ערנסטן זשורנאַל.

פּרעמיער־מיניסטער פרייזער האָט געהאַלטן אַ וואַרעמע באַגריסונג־רעדע צו דעם 25־יאָריקן יובל פון „קוואַדראַנט״ און שטאַרק געלויבט די גרופּע מענטשן וועלכע האָבן מיטגעווירקט צו דער גרינדונג און אויפהאַלטונג פון דעם זשורנאַל, וועלכער שפּילט היינט צו טאָג אַ וויכטיקע

הערשל באַכראַך

# דער אויסטראַלישער זשורנאַל „קוואַדראַנט"

מיט 35 יאָר צוריק, ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהער, און זיך אָנגעהויבן באַקענען מיטן אויסטראַלישן לעבן, האָבן מיר פאַרנדיק אין טראַמווייַ באַמערקט אַ מאָדנע דערשיינונג: דער אויסטראַליער לייענט די צייטונג פון דער לעצטער זייט — די ספּאָרט־נייעס, די פערד־געיעגן און פוטבאָל. מיר, די געקומענע פון אייראָפּע, וועלכע זענען שטענדיק געווען פאַרקאָכט אין דער פּאָליטיק פון אַלע לענדער און פעלקער, האָבן געקוקט אויף דער נייער דערשיינונג (פאַר אונדז) פון אויבן אַראָפּ. מיר האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם אויסטראַליער ווי אַ קולטורלאָזן מענטש וועלכער איז פאַראינטערעסירט בלויז אין נישט ווערטפולע ענינים.

דאָס איז אָבער געווען אַ ריין אויבערפלעכלעכע אָבסערוואַציע. טייל פון אונדז האָבן אָנגעהויבן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט די גייסטיקע שטרעמונגען פון אויסטראַלישן לעבן: די פּאָליטישע פּאַרטייען, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן. צו גלייך דערמיט האָבן מיר אָנגעהויבן באַמערקן די אויסטראַלישע ליטעראַטור; דאָס גייסטיקע לעבן מיט וועלכן עס האָט געלעבט די דאַן נאָך קליינע אויסטראַלישע אינטעליגענץ.

עס איז מיר דאַן אַריינגעפאַלן אין האַנט דער ליטעראַרישער זשורנאַל אונטערן מאָדנעם און נישט פאַרשטענדלעכן נאָמען „מינדזשין". דער זשורנאַל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן — און גייט נאָך היינט אַרויס — אַלס אויסגאַבע פון מעלבורנער אוניווערסיטעט און ער גרופּירט אַרום זיך פּראָפעסאָרן און אַבסאָלווענטן פון דער ליטעראַטור־קאַטעדרע. חוץ קורצע דערציילונגען און לידער, וועלכע האָבן ווייניק אַפּעלירט צו אונדזער „אויסלענדישן" געשמאַק, האָבן מיר געפונען אין דעם זשורנאַל אַרטיקלען אויף פּאָליטישע טעמעס און כמעט אַלע פון זיי פון איין באַשטימטן פּאָליטישן שניט — דעם אָפן קאָמוניסטישן אָדער „פעלאָ־טרעוועלערישן"; אַלע מיט סימפּאַטיעס פאַר רוסלאַנד און די נייע „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס" וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך אַרויספּיקן פון דעם נאָך־יאַלטאָ פּעריאָד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איר האָט אין דער אויסטראַלישער ליטעראַרישער וועלט נישט געקענט דאַן געפינען קיין אַנדער מיינונג ווי דעם אָפיציעל קאָמוניסטישן דרך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. קיין סימן פון קריטיק צוליב דעם פאַרברעכערישן סטאַלין־היטלער פּאַקט, אויף וועלכן מיר, די קרבנות זיינע, האָבן געקוקט ווי אויף דעם שוידערלעכסטן פאַרברעכן פון אונדזער יאָרהונדערט.

נישט אַנדערש איז געווען אין אונדזער יידישער סביבה. אויך דאָ האָבן מיר געהערט פון אַלע זייטן ווי „סאָוויעט־רוסלאַנד האָט געראַטעוועט די יידן" — די יידישע פליטים וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דעם היטלעריסטישן גיהנום כדי אַריינצופאַלן אין די „גוטע" פאַרשיקונגס־לאַגערן פון סיביר און דעם ווייטן סאָוויעטישן מזרח.

אָט דער צושטאַנד איז פאַר אַ סך פון אונדז געווען אַ שטערונג צו באַקענען זיך נענטער מיט דער אויסטראַלישער ליטעראַטור און ליטעראַרישער סביבה. מיט רעכט האָט מען געקוקט אויף די דאָזיקע אינטעלעקטואַלן ווי אויף אומוויסנדיקע און נאַאיווע מענטשן — אין בעסטן פאַל. אויף די מער אויסגעשפּראָכענע קאָמוניסטישע שרייבער־פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן מיר געקוקט מיט אומצוטרוי און פאַרדאַכט.

אין אונדזער יידישער סביבה איז דער ערשטער און איינציקער שרייבער, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו דעמאַסקירן די אינטעלעקטועלע נישט־ערלעכקייט פון אָט די אויסטראַלישע שרייבער, געווען דער פאַרשטאָרבענער ליטעראַטור־קריטיקער — און פּאָליטישער קעמפער — יהושע ראַפּאַפּאָרט. אָבער ער האָט דאָס געטאָן אין דער היגער יידישער פּרעסע (און אייגענע ביכער), איז ממילא

האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ ווייך שטימעלע וואָס ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן נאָך ווייכער — און אפשר גאָר דאָס לאָזן אַזוי... ווי ס'איז?...

— איך ווייס אין וואָס איך גייט — האָט ער אָבער שנעל אונטערגעכאַפּט דעם ווייטערדיקן פאָדעם, ווייל ער האָט דערזען אין מיסטער סטאָנס אויגן דעם אָנצינד פון אַ בייז פייערל — מיסטער סטאָן, פּליעז, באַרעכנט גוט וואָס איך גיי זאָגן — דאָס וואָס איר האָט מיר דערציילט וועגן אייער פרוי ע"ה איז אַלץ גוט געווען ביים לעבן... כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי אייערע געפילן, אָבער גיט אַ טראַכט — איצט, מ'שטיינס געזאָגט, איז דאָך שוין אַלץ איינס... אויב דער שטיין וועט אונטערגעהויבן ווערן אַביסעלע העכער — וועט אייער זעליקע פרוי צוריקקומען?... לעולם איז דאָך דאָס אַלץ פאַר די לעבעדיקע!

— פאַר זיי — האָט בעני געמאַכט אַ ברייטן קרייז מיט דער האַנט איבערן וואַלד מצבות — איז אַלצאיינס... און אייער געלט איז דאָך אַ שאָד... ווי זאָגט מען: — לייגן דאָס לעבעדיקע אויפן...

בעני האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן דעם געדאַנק ווי מיסטער סטאָן האָט אים שאַרף איבערגעריסן די רייד:

— איר וועט העכערן דעם שטיין מיט דריי אינטשעס!

— און מיסטערס סטאָנס ווייזפינגער איז פּלוצלינג געקומען גאָר נאָענט צו בעניס נאָז — מיט דריי אינטשעס! איר הערט! — נישט ווייניקער, איר פאַרשטייט?! איך וועל אייך דערפאַר באַצאָלן, אָבער געדענקט: מיט דריי אינטשעס! — קיינער וועט נישט זיין העכער פאַר מיין פרוי — מיט דריי אינטשעס... מיט דריי אינטשעס...

בעני האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ כדי צו באַהאַלטן אַ חוזק־שמייכעלע וואָס האָט צעקרומט דאָס פּנים.

קעניגין... דאָס לעצטע מאָל אָבער, ווען מאַגדע האָט לילין געוואָרפן אין פנים אַריין דעם „מאַסאַזשיסט”, איז מרס. סטאַן געוואָרן אַזוי געקרענקט, אַז ביינאַכט האָט זי כליפּענדיק ווי אַ קליין קינד, געטוליעט זיך צום מאַן און מיט ציטערדיקע ליפּן קוים אַרויסגעשטאַמלט: — מייקל, משהלע!... איך קען מער פון דער מאַגדע נישט אויסהאַלטן!... און די שותפים זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

✶

מיט די צוויי מענער איז געשען עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. דער קאָנקורענץ־געיעג אין עלעגאַנץ פון די צוויי פרויען ביים לעבן, האָט ביי די מענער איבערגעלאָזן מאָדנע איבערבלייבענישן. כאָטש בײדע האָבן מענעריש געטריבן פון זיך די זלידנע געדאַנקען, האָבן דאָך בײדע מענער גענומען אויספּאָלגן אַן אינערלעכן דראַנג נאָכצופאָלגן די פירונגען פון זייערע פאַרשטאָרבענע פרויען. אין איין „וויקענד” האָט מיסטער סטאַן איבערדעקאָרירט זיין קראָם אויף אַ מער מאָדערנעם אופן, אַז זי האָט פאַרריסן די גאָס. געטאָן האָט ער דאָס נישט כדי צו פאַרבעסערן די מערכה פון זיין געשעפט, זיינע ביזנעס זענען גוט געגאַנגען. ער האָט געוואָלט ווייזן פּילצערן, ווער סטאַן איז. מיסטער פּילצער האָט נישט לאַנג געלאָזן וואַרטן אויף אַן ענטפער. גענוי ווי זיין פאַרשטאָרבענע פרוי האָט נאָכשפּיאָנירט איר פריינדין, האָט ער אָפּגעזוכט דעם זעלבן דעקאָראַטאָר — און אין צוויי וואָכן שפּעטער האָט זיין קראָם אויך פאַרריסן די גאָס. די צוויי געוועזענע שותפים זענען געוואָרן דאָס ציל־ברעט פאַר חוזק פון די איבעריקע סוחרים אין דער בראַנזשע, און מען האָט זיי צוגעקלעפּט אַ נאָמען — „דאָס פּאָרפּאָלק”. צו בענין זענען בײדע געקומען בשתיקה — פריער מיסטער סטאַן — דערנאָך מיסטער פּילצער.

מיט מיסטער פּילצער איז דער ענין געווען אַ גלייכער. מאַכט מיר עפּעס שיינס — האָט ער געזאָגט בענין — נאָר עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיין ענלעך צו מרס. סטאַנס מצבה. איר ווייסט, זיי בײדע זענען דאָך געווען לאַנגיאָריקע חברטעס... בעני האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

פאַר מיסטער סטאַן האָט בעני געמוזט צייכענען עטלעכע מאָל נייע אידייען, ביז יענער האָט מיט אַ האַלב מויל מסכים געווען אויף איין פּראָיעקט. דערנאָך פלעגט ער נישט איינמאָל אַריינפאַלן צו בענין אומגעריכט — נו, ווייזט נאָר וואָס איר האָט שוין אויפגעטאָן?

נאָכן באַקוקן דעם שטיין פלעגט ער געבן בענין אַ וואָרענונג: — מיסטער, געדענקט! מיין פרויס מצבה דאַרף זיין אַן אויסנאַם!...

בעני האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

מיט אַ שווער האַרץ איז בעני זונטיק אַוועק אויפן בית עולם. פונדערווייטנס נאָך האָט ער געזען, אַז מיסטער סטאַן וואַרט שוין אויף אים. ער איז געשטאַנען אָנגעלענט אויף זיין פרוי מצבה אַ פאַרצאַרנטער, מיט אַ פּנים וואָס האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. בײדע מצבות האָבן אין דער פרימאָרגן־זון געגלאַנצט מיט דער זעלבער שוואַרצקייט און די גרויסע, גאָלדענע מגן דודס האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן זייער ניט געווּנטשענע ענלעכקייט.

— איר האָט מיך אָפּגענאַרט! — האָט מיסטער סטאַן געגוואַלדעוועט — איר האָט מיך באַשווינדלט! איך האָב אייך געזאָגט, אַז מיין פרויס מצבה דאַרף זיין אַן אויסנאַם, אַן אוניקום! וואַט העוו יו דאַן?!...

איך וויל גאָרנישט וויסן, מיסטער — איך נעם נישט אָן דעם דזשאָב!... אין זיין אויפגערעגטקייט האָט מיסטער סטאַן געמישט יידיש מיט ענגליש, נישט וויסנדיק אפילו אויף וואָסער שפּראַך ער רעדט.

— איר נעמט נישט אָן דעם דזשאָב?... האָט אויך בעני זיך גענומען קאָכן גאָרנישט אויף זיין שטייגער — און וואָס וועל איך מאַכן מיט אייער פרויס שטיין?... וואַרטן אפשר, אַז אַ צווייטע מרס. סטאַן זאָל איבער הונדערט און צוואַנציק אים נוצן?... איר וועט מיר נישט באַצאָלן?... עס איז נאָך פאַראַן יושר אויף דער וועלט!...

אַלע אָנגעזאַמלטע אין אים פאַרדרוסן, פון אַנדערע קונים צוזאַמען מיט מיסטער סטאַנס, האָבן איצט אין אים גענומען די אויבערהאַנט און ער האָט כמעט געשריגן:

— מירן גיין צו אַ דין תורה! מירן גיין אין געריכט אַריין — און זאָל מען פּסקענען ווער עס איז גערעכט... איך האָב אייער אונטערשריפט... זעט, דאָ האָט איר דעם דעזיין וואָס איר האָט אַקצעפּטירט! דער שטיין איז געמאַכט טאָטש און טאָטש צום צייכענונג!...

— שור! יו דיד סאָ... איז מיסטער סטאַן ווייכער געוואָרן אין טאָן — אָבער מרס. פּילצערס מצבה איז דאָך ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו מיין פרויס!... דאָס קען נישט אַזוי בלייבן!... מיין פרוי ע”ה איז ביים לעבן געווען די קעניגין און זי וועט איצט אויך זיין די קעניגין! — איר מוזט מאַכן עפּעס אַן אונטערשיד צווישן די בײדע שטיינער...

בעניס פּאַפּירן מיט די פאַרשידענע דעזיינען זענען זיך צעפלויגן ווי ווייסע טייבעלעך אין אַ ווינט, איין פּאַפּיר איז פאַרטראָגן געוואָרן אויפן קאָפּשטיק פון מרס. סטאַנס מצבה און האָט צעהעלט דאָס פּעך־שוואַרצקייט פון שטיין. אין דער זעלבער רגע האָבן ביי די צוויי צעקריגטע מענטשן אויפגעלויכטן די אויגן. זיי האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ צייכן פון אַ העכערער, סודותדיקער קראַפט וואָס ווייזט אָן וואָס צו טאָן.

זיי האָבן אַ ווילע געשוויגן, דער ערשטער איז צו זיך געקומען בעני און ער האָט מיט אַ שטיל, געדעמפּט קול, ווי ביי אַ חולהס בעט, געזאָגט: — מיסטער סטאַן, אפשר וועל איך העכערן אַ ביסעלע אייער פרויס מצבה?... האָ, ווי מיינט איר?...

אויף וויפיל ווילט איר העכערן? — האָט מיסטער סטאַן האַלב איינגייענדיק אויפן איינפאַל צוריקגעפרעגט.

אויף וויפיל איר וועט וועלן, מיסטער סטאַן — אָבער... דאָס וועט דאָך קאָסטן אַ סך געלט!...

— זאָל קאָסטן! — האָט מיסטער סטאַן אַרויסגעבורטשעט.

בעני זעענדיק, אַז זיין שווערער קונה לאָזט זיך בייגן, איז ער אַריבער אין אַן אַטאַקע: — מיסטער סטאַן —

צעשפרייטע פינגער ווי ביים דוכענען, אויסגעזען ווי לעבעדיק. אַט, אַט און מ׳וועט דערהערן ווי דער כהן ברומט אויף מיט אַ פאַרדעמפט קול:

— י־ב־ר־כ־ך!...

אויך בעני איז נישט אבי ווער. אַז ער מאַכט, להבדיל, אַ גויעשע מצבה שטייט דער קרייץ אַזוי הויך און מיט אַזאַ תקיפות, אַז ער וואַרפט אַזש אָן אויף אים אַליין אַן אימה. דאָס ווייזט אויס איז שוין ביי אים אין בלוט. בעני געדענקט נאָך די פּראָצעסיעס אין אַ גרינעם דאָנערשטיק, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך די יידישע קליין־שטעטלשע גאַסן, ברומענדיק מיט תפילות, און דראָענדיקע מיט טיףאיינגעוואָרצלטער שנאה צום ייד. די גרויסע צלמים, וואָס האָבן זיך ריטמיש מיטגעוויגט מיט די טריט פון זייערע טרעגער, האָבן געשראָקן מיט זייער צעשפרייטקייט און שוואַרצקייט. זיי האָבן זיך ארייַנגעריסן אינעם בלוי פון הימל און אין בעניס נשמה מיט די פאַרירשנטע, טיףדרימלענדיקע פּחדים.

אָבער פּרנסה איז מלחמה. האַקט ער אויס צלמים. מיט אַ יידישער מצבה צאַצקעט ער זיך אַביסל מער. ער רעדט אַלעמאָל צו דעם קונה, אַז דער מגן דוד זאָל זיין געפּאַרבט מיט עכטן גאָלד, און אַז דער דאָזיקער עמבלעם פון יידישער אייביקייט זאָל זיין וואָס גרעסער. דערמיט וויל ער איבערקומען די שרעקן פאַרן צלם וואָס זענען אין אים באַהאַלטן און לויערן מיט אַזאַ כוח.

ווערט בעני צעריסן צווישן ביידע. אפשר כדי צו געפינען אַ גלייכגעוויכט סיי פאַר זיין צעריסנקייט, סיי פאַר זיין קריצערישן טאַלאַנט, מישט זיך ביי אים דאָס יידישע מיטן גויעשן. קומען אויס ביי אים אַ טייל יידישע מצבות שוואַרץ און פּירקאַנטיק, ווי טרומנעס להבדיל, און די גויעשע אַביסעלע פאַרונדיקט לויטן אַלט־יידישן מאָוריסטישן סטיל. דאָס צעריסנקייט ביי אים קומט צום אויסדרוק אין נאָך איין מאָדנער באַנעמונג:

ביים אויסהאַקן אַ יידישע מצבה פילט ער זיך ווי אַ פשוטער אַרבעטער ביי דער אַרבעט. אַזוי ווי ער איז נישט אַזוי מדקדק אין רעליגיעזע ענינים — אַרבעט ער אָן אַ היטל. ווי לאַנג — פאַרענטפערט ער זיך, נישט אַזוי ווייט פאַר פרעמדע מענטשן ווי פאַר זיך אַליין — ווי לאַנג מען האָט ביים קבר נישט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, נישט געמאַכט אַן אל מלא רחמים און קדיש נישט געזאָגט — איז די מצבה אַ פּראָסטער שטיין, וואָס זיינע, בעניס הענט האָבן אויסגעהאַקט. נישטאָ אין דעם קיין הייליקייט. אַ היטל טוט ער דווקא יאָ אָן ווען ער אַרבעט, להבדיל, ביי אַ גויעשער מצבה. ער וועט בשום אופן ביי זיך נישט פועלן צו שטיין כחזקת גוי, אָן אַ היטל פאַר אַ צלם.

בעניס מצבות־קריצן איז געוואָרן אָנגענומען און ער מאַכט דערפון זיין לעבן. נאָר צוויי שווערע מאָמענטן פאַרטונקלען אים די רחבה — דאָס אָנטרעפן זיך מיט אויגן פול מיט צער ביי די וואָס האָבן פאַרלוירן א נאָענטן — און אויך קאַפּריזנע קאַסטאמערס, אַזעלכע ווי מיסטער סטאַן.

אַז ער דערמאָנט זיך וועגן זונטיק, גייט אים דורך אַ שוידער דורך די ביינער. ער קען שוין די גאַנצע געשיכטע. ביים באַשטעלן דעם שטיין האָט מיסטער סטאַן זי אים דערציילט, שפּעטער האָט ער זי ווידער און אָבער איבערגעחזרט מיט אַלע פּרטים — ביז צום איבלען.

✶

מיסטער סטאַן האָט געהאַט א שותף מיט וועלכן ער איז גראָד גוט אדורכגעקומען, מער ניט, די פרויען האָבן אַ ביסל געשטערט די האַרמאָניע. סיבות — ווייבערישע קנאה...

מרס. סטאַן — האָט מיסטער סטאַן דערציילט מיט טרויעריקער גדלות — איז געווען אַן אינטעליגענטע, באַלעזענע פרוי, מיט אַ נייגונג צו מאַלעריי און מוזיק און מיט געשמאַק פאַר קליידונג. זי האָט אַלעמאָל אויסגעזען ווי אַ קעניגין... אַלצדינג האָט געפּאַסט צו איר פּנים און צו איר שטאַלטנער פיגור. אַלעמאָל האָט זי עפּעס אויסגעשנאַפּט — אַ ניי קאָסטיומל, אַ פוטערן היטעלע, אַ בראָשקע, וואָס נאָר זי האָט געוווסט ווי אַזוי עס אָנטאָן, אַז עס זאָל באַשיינען סיי איר, סיי מיסטער סטאַנען, וואָס האָט שטאָלצירט מיט איר עלעגאַנץ.

ביי דער חברטע, מרס. פּילצער, האָט מרס. סטאַן נישט געהאַט קיין לייכטע דערפאָלגן. ווי נאָר זי האָט זיך אָנגעטאָן עפּעס נייעס — וואָס נאָר זי אַליין האָט געוווסט ווו דאָס צו באַקומען, איז מרס. פּילצער אַ פּאָר טעג שפּעטער אריינגעקומען צו איר אַ טאַנצנדיקע, מיט אַ טרויעריק־שמייכעלע אויף איר ברייטן פּנים.

— זע נאָר, לילי, איך האָב צופעליק געפונען עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס דו האָסט זיך געקויפט יענע וואָך... אַ יאָ, זיי זענען ענלעך?... מרס. סטאַן האָט פאַרביסן די ליפּן און געפרעגט מיט קוים באַהאַלטענער איראָניע:

— מיינסט דאָס וועט פּאַסן צו דיין קלייד?... איך מיין, אַז די קאָלירן וועלן נישט האַרמאָנירן. מאַגדע, גיין אַריין צו „דזשוליעט״ און נעם דיר דאָס זעלבע קלייד וואָס איך האָב היינט געקויפט. נאָר זע, אַז זיי זאָלן עס ארויסלאָזן אין די נעט... מאַגדע איז איר חברטע נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער.

— לילקעלע — האָט זי גענומען ציען די ווערטער ווי קיי־גומי — ווער קען זיך גלייכן צו דיר? אַז דו עסט נישט צו דער זאַט... שלינגסט גאַנצע ציטרינען, און גייסט יעדע וואָך צו דיין מאַסאַזשיסט — איז דען אַ וווּנדער, אַז פאַר דיר איז גענוג איין יאַרד סחורה אויף אַ קלייד?...

געוויינטלעך פלעגט מען נאָך אַזאַ איבערוווערטלען זיך זיין ברוגז אַ פּאָר וואָכן, דערנאָך, ווען מ׳האָט זיך אָפּגעקילט, האָט זיך עס אָנגעהויבן פונדאָסניי... מרס. סטאַן אַ קאָסטיום — מרס. פּילצער אַ קאָסטיום. מרס. סטאַן אַ פּאָר עלעגאַנטע שיכעלעך, די מאָדערנסטע אין שטאָט — מרס. פּילצער נייע עלעגאַנטע שיכעלעך פון דער זעלבער פירמע. נאָר מרס. פּילצער פלעגט נעבעך אין די ערשטע טעג אַ ביסעלע אונטערהינקען, די שיך האָבן געקוועטשט סכנות נפשות. נאָר זי האָט הערויש געשוויגן. לילקעלע וועט ביי איר נישט זיין די אויסדערוויילטע

זוך גאָט אויף דעם מלאך. דערצייל און מאַך קלאָר אים
אַז יידישע קינדער פון יענע חדרים
געלעבט האָבן דאָ! מיט די אבות געוואַנדערט
די צייטן און דורות צעמישט דורכאַנאַנדער,
ביז וואַנען . . . ביז וואַנען אין רגע פון צאָרן
דו האָסט זיי פאַרוואַנדלט אין אַש — און זכרון
פון בלוט און קדושה. (אָט ווידער די בײדע)
יאָ, דו זייער גאָט און זיי — דיין עקידה.

און אפשר באַשעפער, לאָמיר נעמען די לאַגלען
אַראָפּגיין אין מדבר אויף נע־ונד . . . וואַגלען
אין זאַמדיקע וואַדיס, אין שטיינערנע היילן,
וועסט נויגן דיין אויער און איך וועל דערציילן
פון בעטלער וואָס עסן דאָס ברויט פון אַ גלויבן,
אַז מענטש איז באַשאַפן צו ווערן דערהויבן . . .

קום גאָט און געפין מיך! דו האָסט מיך פאַרלוירן
אין קרייז פון פאַרברענען און ווערן געבוירן.
אין ווערן געבוירן און ווידער פאַרברענען —
ווי לאַנג וועט נאָך דויערן, ביז וועסט מיך דערקענען?!

אַמאָל, אין אַ שעה אַ פאַרהילטע אין טרויער
געזען כ׳האָב דעם וועכטער פון גאָלדענעם טויער
דעם שער הרחמים — פאַרהאַקן די ריגלען.
פאַרגיסן מיט וואַקס און פאַרלייגן די זיגלען.
און כ׳האָב אים געפרעגט: דו ווייסט אפשר וועכטער
פאַרוואָס איז ביי אונדז אַזוי ווייניק געלעכטער?

פאַרוואָס זענען מיר זייט דעם ברית בין הבתרים
געקליידט אין אַ טונקעלן קלייד פון יסורים?
געוואַרט כ׳האָב אויף ענטפער, נאָר ער האָט געשוויגן
און ס׳שווייגן האָט ביז צו די הימלען געשריגן
אַזאַ פינצטער געשריי, ארויס פון אונדז ביידע:
גיי פרעג; ער איז גאָט — און דו זיין עקידה.

קום גאָט און צענעם מיך, מחשבה און גלידער
און שטעל מיך צוזאַמען, דערנאָך צענעם ווידער
און שמעלץ מיך ביז כ׳וועל ווי דער טוי־טראָפּ צערינען,
צענעם מיך, קום זוך מיך... דו מוזט מיך געפינען! . . .

ווען וועסט מיך געפינען אין סוף פון ׳אין סוף׳ן׳
געדענקט מיך דעם חסד פון צווייפלען און האָפן.
אויף הענט נעם און טראָג מיך און זאָג כ׳בין דיר טייער
איך שטאַם פון אַ דור וואָס איז פייער אין פייער . . .
דאָס פייער פון אומקום אין פלאַם פון דערלייזן
מיט מענטשלעכער שוואַכקייט. מיט ווילן פון אייזן.
מיט דורשטיקן זוכן . . . ווען כ׳וועל זיין צענומען
אין יעדן טראָפּן כ׳וועל וואַרטן זאָלסט קומען.

קום דאָ און צענעם מיך. מחשבה און גלידער
און שטעל מיך צוזאַמען. דערנאָך צענעם ווידער . . .
ביז וואַנען כ׳וועל וויסן אַז דו ביסט געריניקט,
אַז אין מיין עקידה — אויך דו וועדסט געפייניקט . . .

קום זוכן מיך גאָט. דו וועסט מיך געפינען
פאַרטאָג, דאָ ביים כותל ווען ס׳טריפט דער באַגינען
מיט טוי אויף די שטיינער ווו ס׳נעסטן די טויבן — —
באַווייז מיר דיין חסד און לערן מיך גלויבן.

י. מ. לעווין

# מיט דריי אינטשעס העכער

## (כמעט אַ הומאָרעסקע)

דער טעלעפאָן האָט צעריסן די שטילקייט פון צימער מיט אַ ירגזון, אַרויסרופעריש. אין דער נישט דערהערטער שפּראַך פון טויטע קעגנשטאַנדן, האָט דאָס אומגעדולדיקע קלינגען זיך אויסגעדריקט באַפעלעריש: — איך קום מיט טענות — און מען מוז זיי ענטפערן תיכף ומיד!

דאָס קול פון יענער זייט איז געווען טיף און ברוסטיק, אביסל הייזעריקלעך, אַ סימן, אַז דער מענטש האָט זיך געפונען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד, וועלכן ער האָט נישט געפּרוּווט אפילו צו צוימען.

— דאָ רעדט מיסטער סטאַן! איר ווייסט אוודאי וועגן וואָס איך קלינג, האַ? בעני האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט דעם טעלעפאָן, און גיך אַ פליסטער געטאָן צו זיין פרוי וואָס איז גראָד אַריינגעקומען: — ר׳איז שוין ווידער דאָ, דער משוגענער!...

זי האָט אים צוגעוואָרפן אַ פרעגנדיקן בליק, באַלד זיך געכאַפּט וועגן וועמען עס גייט, און צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל: ששש...

זי קען דעם מיסטער סטאַן פון בעניס באַקלאָגן זיך אויף אים, און זי ווייסט, אַז ער איז אַ האַרטע נוס; אָבער וואָס קען מען איצט טאָן?... די מצבה פאַר מרס. סטאַן איז געוואָרן פאַרטיק צום באַשטימטן טערמין. מיט צוויי וואָכן צוריק האָט מען זי געשטעלט — צוזאַמען מיט דער מצבה פון איר חברטע, די מרס. פילצער — געמיינט אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ — איז נאָדיר — מיסטער סטאַן קומט מיט נאָך עפּעס...

זי האָט נאָך דערכאַפּט די ענדע פון טעלעפאָן־געשפּרעך. זי האָט געהערט די שאַרפע רייד פון מיסטער סטאַן. זיי האָבן געקלונגען צודרינגלעך און כמעט באַפעלעריש: — איר וועט נישט טאָן וואָס איר ווילט — מאַכן וועט איר אַזוי ווי איך וויל! איר פאַרשטייט?!... און צום סוף — איך וועל זיין דאָרטן זונטיק, נעקסט וויק — איך וועל אויף אייך וואַרטן!

איר מאַן, דער קליינער בעני, וואָס איז באַקאַנט אין פאַך ווי אַ מצבה־קריצער אַ קינסטלער, ענטפערט מיסטער סטאַנען נאָכגיביק און העפלעך: — יעס! יאָ, מיסטער סטאַן, כ׳וועל זיין נעקסט וויק און איך וועל זען וואָס איך וועל קענען מאַכן. צי איך וועל קומען? — שור, אוודאי... ביי, ביי! אַ גוטן טאָג.

דאָס טרייבל האָט בעני אַוועקגעלייגט מיט אַ קרעכץ. ער איז נישט געווען צופרידן מיט דער פרנסה. דאָס פאַך האָט ער געלערנט ביי זיין טאַטן, וועלכער איז געווען אַ קינסטלער אין שטיין־קריצעריי. אַז זיין טאַטע האָט געמאַכט אַ מצבה פאַר אַ כהן, האָבן די צוויי הענט מיט די

א. ציקערט

# גאָט אין ירושלים

צוזאַמען מיט דער פּאָעמע „גאָט אין ירושלים״, האָט פר׳ ציקערט צוגעשיקט אַ בריוו. מיר גלויבן, אַז דער בריוו האָט אַ נאָענטע שייכות צו דער פּאָעמע, ברענגען מיר איס דעריבער פאַר אונדזערע לייענער.

רעדאַקציע

ליבער פריינד אייזענבוד,

כ׳האָב די בייגעלייגטע אַרבעט נישט אינזינען געהאַט צו פאַרעפנטלעכן. כ׳האָב עס פּאַקטיש געהאַט צוגעגרייט צום הונדערטסטן נומער פון „די גאָלדענע קייט״ און זיך אָפּגעהאַלטן דערפאַר, ווייל דאָס ליד איז געווען מיין ווי־געשריי אין די לעצטע פאַר חדשים ווען כ׳האָב געוווסט, אַז מען וועט ביי מיר אָווּעקנעמען דאָס ברויט פון מויל (צוליב פּראַטעקציע) און דערמיט אויך די מעגלעכקייט פון בלייבן אין ירושלים.

קלמן סעגאַל ע״ה פון ׳קול ישראל׳ האָט כמעט מיט כוח גענומען ביי מיר דעם טעקסט און עס געבראַכט ווי אַ טייל פון זיין שבתדיקן ליטעראַרישן פּראָגראַם אַ חודש אידער דער גורל וועגן מיין ווייטערדיקע אַרבעט אין ראַדיאָ האָט געדאַרפט דעצידירט ווערן. ער האָט דערפון געמאַכט אַ מוזיקאַליש־רעציטאַטיווע אַרבעט און ספּעציעל געשיקט אַ קאָפּיע דערפון צו דעם מענטש וועלכער איז געווען דער ענדגילטיקער פּוסק וועגן מיין ווייטערדיקער אַרבעט... וואָס דערנאָך איז געשען — איז מער שוין נישט קיין סוד.

איך האָב געענדערט מיין מיינונג וועגן פאַרעפנטלעכן די בייגעלייגטע אַרבעט דערפאַר, ווייל שוין באַלד צוויי יאָר נאָכדעם ווי כ׳בין צוריקגעקומען פון ירושלים גייען נאָך אַרום קלאַנגען, אַז כ׳בין געוואָרן אַ שונא ישראל, אָדער סתם אַן אַנטוישטער . . . אַ מכלומרשטער „פריינד״ מיי־נער האָט מיר גאָר נישט לאַנג צוריק דאָ געזאָגט: „האָסט זיך אויסגעהיילט, אַזוי ווי די וואָס זענען געלאָפן נאָך רוסלאַנד״...

ווייל איך קלאָר מאַכן, אַז ס׳איז נישט אמת. מיין ווייטיק איז נישט ׳צוליב׳ ישראל נאָר פאַר ישראל. יאָ. מיר האָבן אָפענע אויערן פאַר די וואָס שרייען פון הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג. הלוואי וואָלטן מיר נישט אינגאַנצן פאַרמאַכט די אויערן פאַר די וואָס בעטלען פאַרשטענדעניש אין לאַנד וואָס איז זיי דווקא ליב און טייער. די וועלט וואָלט געהאַט אַ פּאָר הונדערט טויזנט יורדים ווייניקער און מדינת ישראל וואָלט געווען רייכער מיט הונדערטער טויזנטער יונגע מענטשן, וואָס זענען דעם לאַנד אַ סך וויכטיקער ווי די דאָלאַרן מיט וועלכע מען קויפט אָפּ דעם אייגענעם געוויסן.

לאָמיר האָפן, אַז ישראל וועט זיך אויסהיילן פון דער פּראָטעקציע־ביוראָקראַטיע קראַנקהייט ווי זי האָט זיך אויסגעהיילט פון אַ סך אַנדערע דערשיינונגען. ס׳וועט זיין בעסער דעם ידישן פאָלק און מדינת ישראל ווען מיר וועלן נישט סתם דאַרפן פאַרמאַכן די אויגן צו אַלעם...

פריינטלעך דייך

צ.

# גאָט אין ירושלים

אויב זוכסטו מיר גאָט, קום — דו וועסט מיך געפינען
ביים כותל, פאַרטאָג, ווען ס׳נעמט טריפן באַגינען
מיט טויט אויף די שטיינער ווו ס׳נעסטן די טויבן.
קום גאָט און געפין מיך. קום, לערן מיך גלויבן.

קום גאָט און צענעם מיך: מחשבה און גלידער.
און שטעל מיך צוזאַמען, דערנאָך צענעם ווידער — —
ביז וואַנען וועסטו וויסן, אַז האָסט מיך געריניקט
פון צער דורות לאַנגע וואָס פייניקט און פייניקט . . .

און אויב דיר איז שווער זיך פאַרטאָג צו באַפרייען,
זוך אויף מיך ביינאַכט — דאָ אין ירושלים.
ביינאַכט, ווען די ערד טראָגט איר בענקשאַפט צום הימל,
ביינאַכט, צווישן וואַך זיין פון שטאָט — און איר דרימל.
ביינאַכט, ווען אין בלוי־ליכט פאַרהילט ס׳ליגט די מויער :
כ׳וועל וואַרטן אויף דיר אין פאַרזיגלטן טויער:
אין שער הרחמים.

דו וועסט מיך דערקענען.
כ׳בין איינער פון די וועלכע פאַלן און ברענען.
דו וועסט מיך דערקענען אין שוויגן אין שטומען.
דו וועסט מיך דערקענען. וועסט זען כ׳בין געקומען.

קום, זיי מיט מיך טועם די שטילקייט די צאַרטע,
די פולע ווי מילגרוימס מיט אייביקן וואַרטן,
די געסלעך אין בלוי־ליכט ביינאַכטיקן ברונעם
געפלעכט פון שפּין־וועב מיט גאָלד פון אמונה.
די שטיינער אין אור־אַלטן גלי אויסגעקנאָטן
דורך מדבר וואָס ליגט אין דער זוים פון איר שאָטן,
דאָס איז זי — דיין שטאָט. — פאַר דער וועלט אַ ירושה
אויף אייביקער וואָג־שאָל פון בלוט און קדושה
קום דאָ און געפין מיך; ס׳וועט גוט טאָן אונדז ביידע :
ווייל דו ביסט מיין גאָט און איך — דיין עקידה.

וואָס וויל איך פון דיר, מיין באַשעפער מיין גוטער ?
וואָס וויל שוין אַ באַנטשע? אַ בולקע מיט פּוטער. — — —
אויף פּוילישע וועגן ביי ידישע וויגן
געשפּאַנט האָבן סטאַדעס פון קעמלען און ציגן . . .
אָט זע . . . ס׳גייט אברהם אבינו. און נאָך אים
אין זאַמדיקע טריט ס׳גייען נאָך די מלאכים,
אַ בלעטער דעם חומש און אָט האַלט שוין ווייטער
אָט זע. . . ס׳שפּאַנט אַ מלאך ארויף יעקב׳ס לייטער . . .

מ. אייזענבוד (פּאַרוואַלטער — זונטיק־שול)

# די זונטיק־שול – אַ שפּראַך־שול

דער באַגריף זונטיק־שול — איז צו אונדז געקומען פון די אימיגראַציע־לענדער. אונטער דער באַצייכענונג פאַרשטייט מען אַ שול, וואָס געפינט זיך געוויינטלעך ביי אַ קלויסטער אָדער סינאַגאָגע, ווו עס ווערט איינגעקנעלט מיט די קינדער רעליגיעזע דאָגמעס.

אין יאָר 1936 האָבן געזעלשאַפטלעכע טוער אין מעלבורן געמאַכט אַ פּרווו אויסצונוצן דעם זונטיק, כדי צו שאַפן אַ שול פון וועלטלעכן כאַראַקטער. ביישפּילן זענען געווען: די יידישע טאָג־שולן אין פּוילן (ציש״אָ) און די נאָך־מיטאָג־שולן, אָדער צוגאָב־שולן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די דאָזיקע שול האָט געלערנט זונטיק פרי און מיטוואָך נאָך מיטאָג. זי האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ ברייטער דערציאונגס־פּראָגראַם, וועלכע האָט אַריינגענומען די לימודים: יידיש־שפּראַך, גראַמאַטיק, ליטעראַטור; יידישע געשיכטע; עטיק; העברעאיש; דעמאָגראַפיע.

אין דער עפּאָכע, ווען די שול איז געשאַפן געוואָרן, האָבן יידישע קינדער געלערנט אין די אַלגעמיינע מלוכה־שולן. די יידישע סביבה איז געווען אַ קליינע און צעוואָרפן איבער פאַרשידענע געגנטן פון דער גרויסער שטאָט.

די יידישע שול האָט געהאַט די אויפגאַבע צו אַנטוויקלען ביים קינד אַ געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, דורך נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. די הויפּט־סיבה פון גרינדן אַזאַ שול איז געווען: די שול זאָל פאַרהיטן די קינדער פון טאָטאַלער אַסימילאַציע; פון ווערן אָפּגעפרעמדט פון יידישן פאָלק; פון ווערן פאַרשלונגען פון דעם נישט־יידישן אַרום.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך דער יידישער ישוב כמעט פאַרטאָפּלט. דער אימיגראַנטן־עלעמענט — מער צוגעבונדן צום יידישן שורש. די קינדער האָבן גערעדט אַ גוטן, היימישן יידיש. די באַדערפעניש פאַר אַ יידישער שול איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. עס איז דאַן רייף געוואָרן די צייט פאַר אַ צווייטער יידישער זונטיק־שול.

אין יאָר 1947 איז טאַקע אַזאַ שול געשאַפן געוואָרן — די שלום עליכם שול — אין עלסטערנוויק. ס׳האָט דאַן געהייסן — אויף דער צווייטער זייט פון דער יאַרא. (די י. ל. פּרץ־שול האָט זיך דאַן געפונען אין קאַרלטאָן).

אין אַנדערע קרייזן — ציוניסטישע, נאַציאָנאַל־רעליגיעזע, איז אויך אויפגעקומען די באַדערפעניש פאַר אַן אַנדער מין שול, ווי עס איז די מלוכהשע. אַ שול, וואָס זאָל אויסער דאָס אַבליגאַטאָריש־אָפיציעלע, אַריינגעמען יידיש־רעליגיעזן און ציוניסטישן אינהאַלט.

זינט דעם יאָר 1947 ביז היינט, האָט זיך איבער דער שטאָט מעלבורן פאַרשפּרייט אַ נעץ פון טאָג־שולן; ישיבות; מיידל־שולן פאַר פרומע מיידלעך; אַ העברעאישע און אויך אַ יידישע טאָג־שול.

די אַלע טאָג־שולן האָבן איינגעשלאָסן אין זייער פּראָגראַם די לימודים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם באַזיס פון דער זונטיק־שול.

ביים היינטיקן טאָג באַזוכן דער גרעסטער פּראָצענט יידישע קינדער די פּריוואַטע יידישע שולן, ווו די אונטערריכט שפּראַך איז נאַטירלעך ענגליש. אין דער זעלבער שפּראַך אָבער ווערן אויך געלערנט די צוגאָב־לימודים, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיט יידן, ווי געשיכטע, עטיק, תנ״ך, דעמאָגראַפיע און אויך העברעאיש. (אויסער דער ביאַליק־שול, ווו די יידישע לימודים ווערן געלערנט אין העברעאיש און דער שלום־עליכם טאָגשול, ווו זיי ווערן געלערנט אין יידיש).

די זונטיק־שול האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און ביסלעכווייז אויפגעהערט צו לערנען העברעאיש און עטיק. עס שטייט אויך פאַר אונדז די פראַגע פון געשיכטע. אָט, למשל, לערנען מיר אין ניינטן קלאַס די געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע. קלאָר — מיר קאָנען עס נישט לערנען אַזוי גרינטלעך, ווי עס טוט אַ טאָג־שול. אין גאַנג פון לערנען האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז גענוי דעם זעלבן געשיכטע־לימוד לערנט אַ פּאַראַלעלער קלאַס אין דער „מאַונט סקאָפּוס" שול. זיי לערנען עס בלויז אין דער ענגלישער שפּראַך. דאַרף דער שילער לערנען דאָס זעלבע אין צוויי שפּראַכן? איז עס נויטיק פאַר זיין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין? די געשיכטלעכע פאַקטן זענען פאַר אים אַ סך לייכטער צו אַבסאָרבירן און פאַרשטיין אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער לעבט זיך אויס. וואָרום — ווען מען לערנט די געשיכטע אין יידיש, מוז מען אָפט גרעסערע אויסצוגן איבערזעצן אין ענגליש, כדי די שילער זאָלן זיי פאַרשטיין. דאַן קומט דער שילער צום אויספיר:

— איך לערן דאָס זעלבע יעדן טאָג, צו וואָס דאַרף איך עס נאָך לערנען זונטיק אויך?

דאָס שליסט אָבער נישט אויס די באַדערפעניש פאַרן טיפ פון די שולן, וועלכע מיר האָבן אויפגעבויט, און די צילן, וועלכע די פּיאָנערן האָבן זיך געשטעלט.

אמת, די אַלע יידישע שולן פאַרהיטן (אָדער דאַרפן פאַרהיטן) די קינדער פון טאָטאַלער אַסימילאַציע. זיי העלפן אָבער צו, צו דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. עס איז נישט נויטיק דאָ אַריינצוגיין אין ויכוח — וויפל ייד מען קאָן זיין אין אַ נישט־יידישער שפּראַך.

די אויפגאַבע פון אונדזער שול דאַרף זיין פאַרצוזעצן דאָרט, ווו אַנדערע שולן בלייבן שטיין. דאָס מיינט: אונדזער שול דאַרף ווערן דער עיקר אַ שפּראַך־שול. זיך קאָנצענטרירן אויף יידישער ליטעראַטור, גראַמאַטיק — שפּראַך. אין אַנדערע ווערטער: לייענען, שרייבן און פאַרשטיין יידיש און באַקענען זיך מיט דער רייכער יידישער ליטעראַטור און אירע שאַפער.

מען אַראָפּברענגען דעם אויסלייזער פאַר ייִדיש? ער טראַכט, אַז ער האָט אַ גרונט דאָס צו באַווייזן אויף דעם סמך פון צוויי ווונדער־קינדער: פּראָפ. אָרענשטיין און ש. פּיסאַר. ווייל ווער וועט וואַגן אָפּפרעגן אַזעלכע צוויי גרויסע ייִדן, וועמענס אַרויסזאָגונגען זענען אַן אַקסיאָמע און — פאַרטיק!

דערווייל ווערן מיר געוווירער פון ה. באַכראַכס אַרטיקל, געדרוקט אין דעם זעלבן נומער „מעלבורנער בלעטער", אַז „י. אָרבאַך קען לערנען און ער ווייסט וואָס איך מיין"... ס'וואָלט כ'לעבן גאָר נישט געשאַדט, ווען ה. באַכראַך לאָזט דעם לייענער אויך וויסן, וואָס ער מיינט. אפשר האָט ה. באַכראַך געהאָט אין זינען דעם תנא ר' טרפון מיט זיין משנה „ולא עליך המלאכה לגמור"? אפשר?

נאָר אויב מיר זאָלן אָננעמען באַכראַכס מיינונג אַלס אַ ריכטיקע — האָט י. אָרבאַך בשום אופן נישט מאַניפעסטירט זיין למדנות אין דעם מאמר „אַז ייִדיש קען אויסגעלייזט ווערן מיט דער הילף פון ענגליש".

ראשית כל, אַלס אַ „ייִד וואָס קען לערנען", האָט דער מחבר פון די „צוויי סימבאָלן" געדאַרפט וויסן, אַז שעטנז איז אַ זינד לויט דער תורה (ויקרא, י"ט, י"ט). און ווי קען נאָך געמאָלט זיין אַ גרעסערער שעטנז, אַ געמיש פון ענגליש מיט ייִדיש אין דער „קדימה"?

צי איז פון י. אָרבאַכס למדנות פאַרהוילן געוואָרן דער מדרש וועלכער זאָגט: „די ייִדן זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים ווייל זיי האָבן נישט געביטן זייערע נעמען און זייער שפּראַך". (מדרש במדבר, פּ.ר.).

פון וואַנען איז צום שרייבער י. אָרבאַך געקומען אַזאַ אויסגעמוחטער הילף פאַר ייִדיש? לויט אים — פון די צוויי גאַסט־רעדנער: פּראָפ. אָרענשטיין און ד"ר שמואל פּיסאַר.

דאָס אָרט דערלויבט נישט דאָ אויף קיין גרעסערע ציטאַטן. אָבער נאָך דעם ווען ער זאָגט אָפּ זיין הלל פאַר דעם פּראָפ. י. אָרענשטיין קומט דער פאָלגנדער אויספיר: „אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט לערנען איז אַז, בלויז די יונגע מענטשן פון פערטן דור וואָס קענען זיך באַנוצן מיט צוויי שפּראַכן — ייִדיש און ענגליש — זענען די אייניציקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־פּאָליטישע טוער, וואָס קענען און וועלן משפּיע זיין און געשטאַלטיקן דאָס נייע..."

אַלזאָ, הללויה פאַר ייִדיש מיט ענגליש, „ווייל דאָס ייִדישע פאָלק קערט זיך אום צו זיין געשיכטע".

דו לייענסט און שטוינסט!

איך הויב שוין אָן צו טראַכטן, אַז כ'האָב איגנאָנצן נישט פאַרשטאַנען די פאָרלעזונג פון פּראָפ. אָרענשטיין. ווייל פון ווען אָן קען מען דאָס לערנען אַזאַ קל וחומר, „אַז אומקערן זיך צו געשיכטע" מיינט אַריינפירן פרעמדע עלעמענטן, וועלכע קענען דערפירן דערצו, אַז אָפּגעפרעמדקייט זאָל גיין אין אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ. צי האָט אונדז די געשיכטע נישט געלערנט עפּעס אַנדערש? נעמלעך, אַז ווען אונדזערע ייִדן האָבן באַמערקט אַז עס ווערט ענג האָבן זיי זיך פאַרשלאָסן אין זיך און געזוכט צו פאַרפעסטיקן אינערלעכע פּאָזיציעס.

דער גאַנצער מאמר „צוויי סימבאָלן" אָפּערירט מיט אַרגומענטן אָן שום דעקונג. ווייל וואָס מיינט אייגנטלעך דער מחבר מיט זיין צוויי־שפּראַכיקייט? מילא, ייִדיש פאַרשטייען מיר. אָבער וואָס מיינט ער מיט ענגליש? צי מיינט ער אַז די „קדימה" דאַרף פאַרבעטן פּרעלעגענטן און אויפקלערן אין ענגליש ווער ס'איז געווען שעקספּיר און בייראָן און אַנדערע? דער עיקר פאַר וועמען? פאַר דעם עלטערן דור, צי פאַר דעם „פערטן דור"? זיין אַביסעלע מער קאָנקרעט און קלאָר וואָלט זיכער געווען ווינטשנסווערט.

דער מחבר פון די שורות האָט זיך אַ מאָל צוגעהערט צו אַ דיסקוסיע, ווו מען האָט געדרשנט, אַז אויב מען וויל האָבן די יוגנט אויף די יזכור־אָוונטן, דאַרף מען רעדן ענגליש! דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז די ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן זענען געקומען אין קלענערע צאָלן און די יוגנט האָט מען מיט ענגליש נישט צוגעצויגן...

די „רפואה" וועלכע פר' אָרבאַך פאַרשרייבט, קען גורם זיין ס'פאַרקירצן דאָס לעבן פון ייִדיש.

וואָלט מען געהערט, אַז אַ פאַרזיצער פון וועלכער נישט איז עטנישער גרופּע עצהט: „קינדערלעך, אויב איר ווילט קענען אייער שורש, טאָ לערנט זיך ענגליש", וואָלט מען דען נישט געקוקט אויף אַזאַ איינעם ווי אַ פּריידיקער פון אַסימילאַציע?

אחד העם ע"ה האָט געשריבן צו דובנאָוון: „ווער נאָך ווייסט בעסער פון דיר, אַז אַלץ וואָס דו שאַפסט אין רוסיש וועט פאַרלוירן גיין, אָבער דאָס וואָס דו וועסט שרייבן אין עברית וועט בלייבן לדורות". ווי ווייט אחד העם איז געווען גערעכט באַווייזט די געשיכטע, ווייל ווער פון די פאָלקס־מענטשן לייענט דובנאָווס געשיכטע פון ייִדישן פאָלק אין רוסיש?

אפשר, פר' אָרבאַך, וואָלט כדאי געווען, אַז איר זאָלט אַ טראַכט טאָן וועגן אַן אַנדערן „שידוך" ווי ייִדיש־ענגליש, אַז אַ באַרופענע פערזאָן זאָל אויף אַ מאָדערנעם שטייגער אַרומריידן די גרויסע באַדייטונג פון אַן עמוס, מיכה, ישעיהו און ירמיהו? וואָלט דען דאָס נישט מער פּאַסצינירט סיי דעם עלטערן דור, סיי דעם ייִנגערן דור? דאָס זענען דאָך ווערק פאַר אַלע דורות!

וואָלט דען אַזאַ „שידוך" נישט געווען וויכטיקער פאַר דערהאַלטן ייִדיש און ייִדישע קולטור־ווערטן?

---

די „קדימה" דריקט אויס איר דאַנקבאַרקייט
דעם פר' מאַרי יאַם
פאַר דער אָנערקענונג פאַר אונדזער קולטור־אַרבעט — וועלכע ער האָט אויסגעדריקט — דורך אַ באַדייטנדיקער באַשטייערונג.

פאָדעם דורך דער געשיכטע פון קאָמוניזם, וואָס ווערט שוין היינטיקס יאָר אַ 65־יאָריקער זקן. די בלוטיקע דערפאַרונגען פון קאָמוניזם האָבן אונדז זייט 1918 באַוויזן, אַז די גרענעצלאָזע אכזריותדיקייט פון קאָמוניזם צו הערשן אין נאָמען פון פּראָלעטאַריאַט האָט דערפירט, אַז מען האָט מקריב געווען אַלעס, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט מענטשלעכקייט און מיט אַ מענטשלעך פּנים. דער אומברחמנותדיקער אַבסאָלוטיזם און טעראָר געפירט דורך דעם בלוטיקן סטאַלין מיט זיינע מיטהעלפער, האָט געשטאַרקט דעם איטאַליענישן פאַשיזם און מיטגעהאָלפן דאָס אַנטשטיין פון דעם בעסטיאַלישן נאַציזם. די איצטיקע נאָכפאָלגער פון סטאַלינס רעזשים און אויך די מאַריאָנעטן זייערע אין די סאַטעליטן־לענדער, הייבן אָן פון דאָס ניי איינצופירן די מעטאָדן פון דעם פאַרניכטעטן פאַשיזם און נאַציזם אונטער אַ נייער סאָוויעטישער אויפלאַגע. דער שוין באַלד פאַרגעסענער היטלער־סטאַלין אָפּמאַך פון 1939 האָט דערפירט צו דער צווייטער וועלט־מלחמה און געבראַכט די שחיטות איבער איראָפּע און דעם חורבן איבער דעם מזרח־איראָפּעאישן ייִדנטום. די איצטיקע פּריינטלעכע אָפּמאַכן מיט די פאַרשיידענע פעאָדאַלע דעספּאָטישע אַראַבישע מלוכות, פּלוס דאָס אונטערשטיצן דעם טעראָר און מאָרד פון די פאַרשיידענע „לינקע״ און „נאַציאָנאַלע״ טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס האָט אָן שום ספק באַוויזן, אַז קאָמוניזם — צי דאָס איז נוסח סטאַלין, צי דאָס איז נוסח סטאַלינס נאָכפאָלגער — אין וועלכן לאַנד דאָס זאָל נישט זיין, האָט נישט און קען נישט האָבן קיין שום מענטשלעך פּנים! דער נייער, שיין קלינגענדיקער נאָמען „קאָמוניזם מיט אַ מענטשלעך פּנים״ איז „די זעלבע מיאוסע כלה, נאָר אַנדערש געשלייערט״...

איך האָב אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע פראַגן און מיינע ענטפערס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דעם נייעם יאָר 1982, ווייל יעדער נייער יאָר מיינט מאַכן אַ חשבון־הנפש. מען האָפט: אפשר וועט דאָך דאָס נייע יאָר ברענגען ענדערונגען אין אונדזער אַלגעמיינעם לעבן און אויך אין דעם ייִדישן לעבן בפרט. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אויב מיר טראַכטן וועגן אַ נייעם יאָר מיינט דאָס אַ נייערקער אין אונדזער פּריוואַטן און אויך אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דער אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט וואָס איז אַזוי געוואָרן סטאַטיש סיי אין אַלגעמיינעם און סיי אין ייִדישן לעבן...

דער נס וואָס נאַציזם און פאַשיזם זענען אין 1945 צעשמעטערט געוואָרן, איז געווען אַ גאָר גרויסער נס סיי פאַר דער מענטשהייט בכלל און פאַר דעם ייִדישן פאָלק בפרט נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט אַזוי טראַגיש באַצאָלט פאַר דעם דאָזיקן נס. „די פּוילישע טראַגעדיע״ און די אַלגעמיינע מענטשלעכע טראַגעדיע אין יאָר 1982 איז דאָס, וואָס דער אונטערגאַנג פון קאָמוניזם — מיט אַ מענטשלעך אָדער אָן אַ מענטשלעך — פּנים — לאָזט אַזוי לאַנג אויף זיך וואַרטן...

---

## א. זילבער

# וועגן דעם „שידוך״ ייִדיש־ענגליש

די וועלט איז פול מיט פּראָבלעמען. די ייִדישע וועלט אַוודאי און אַוודאי. חכמים און נבונים טראַכטן טעג און נעכט בכדאי צו געפינען אַ לייזונג כאָטש פאַר אַ טייל פון די מחלת, וועלכע מאַטערן אונדזער פאָלק.

דער זאָג פון „עת לבדד ישכון״ איז אין אונדזער צייט אָפּגעפרעגט געוואָרן. ס׳זעט גאָר אויס, אַז מיר ייִדן האָבן שטענדיק אַ נאָך עפּעס...

נישט קיין קליינעם קאָפּ־ווייטיק האָבן די היינטיקע ייִדן וועלכע ווילן פאַר יעדן פּרייז אויפהאַלטן דעם כבוד פון ייִדיש. ווייל וועמען גלוסט זיך דאָס צו פאַרטאַכלעווען אָנגעזאַמלטע אוצרות? לאָמיר דערביי געדענקען, אַז דריי שפּראַכן האָבן זיך געהאַט אַרויסגערוקט אויפן פאָדערגרונט פון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע און זענען אַריין בלוט פון ייִדישן שאַפונגס־פּראָצעס: לשון קודש, אַראַמעאיש און ייִדיש. עברית איז די שפּראַך אויף וועלכער ס׳זענען פאַרפיקסירט געוואָרן די גרויסע ווערק פון תורה, נביאים, כתובים און משנה. שפּעטער האָט אַראַמעאיש פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין ייִדישן לעבן בכלל און אין די הייליקע ספרים: דניאל און עזרא, דער גיגאַנטישער תלמוד בבלי; דער זוהר און תפילות.

דערנאָך איז געקומען ייִדיש, וואָס האָט שוין אַרומגענומען אַלע טיילן פון פאָלק און געשאַפן גרויסע גייסטיקע אוצרות: פאָלק שירה און פאָלק־וויזיע. דאָס אַלץ האָט אַרומגענומען כמעט טויזנט יאָר.

✶

איצט זענען אַלע מודה — מיר רעדן נישט וועגן קדיש־זאָגערס און שבעה־זיצערס — אַז דער מצב פון ייִדיש איז ווייט פון זיין פויגלדיק. אין דער זעלבער צייט, ווען ייִדן איבער דער וועלט זיצן און טראַכטן צו עצות נישט צו לאָזן אַראָפּנידערן דעם ווערט פון ייִדיש, איז זיי גאָר נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז ביי אונדז אין מעלבורן האָט זיך אָפּגעפונען אַ ייִד, וואָס האָט אָן אויסגעצייכנטע עצה פאַר דעם אַנגעווייטיקטן פּראָבלעם.

איך פאַרוף זיך אויפן אַרטיקל פון ח׳ שרייבער י. אָרבאַך (פאַרזיצער פון „קדימה״), געדרוקט אין די „מעלבורנער בלעטער״, נר. 4, אונטער דעם קעפּל „צווייי סימבאָלן״. זיין רפואה פאַר ייִדיש איז אַ משונהדיקע. ער שרייבט: „ווילסטו אַז ייִדיש זאָל ח״ו נישט אונטערגיין״... דאַרף עס, לויט זיין מיינונג, גיין פּאַראַלעל מיט ענגליש!

גלוסט זיך מיר פּשוט, צוזאַמען מיט די ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן, אַ פרעג טאָן דעם ח׳ מחבר: ווו און ווען האָט ער דאָס געלערנט, אַז מיט אַ ייִדיש־ענגליש שותפות קען

י. אַרבאַך

# די פּוילישע טראַגעדיע...

אין משך פון די לעצטע צענדליק יאָר איז מיר באַשערט געווען — צופעליק — צונויפטרעפן זיך מיט פּאָלאַקן — אויסטראַלישע בירגער, וועלכע האָבן אין זייערע געשפּרעכן מיט מיר, סתם גערעדט וועגן זייער אַמאָליקער היים — פּוילן. אײן דערמאָנונג האָט זיך געקניפּט מיט דער אַנדערער, אָבער קיין מאָל נישט דערגאַנגען צו דער דערמאָנונג וועגן דער באַציאונג, באַהאַנדלונג און באַנעמונג פון פּוילישן פאָלק אין דער צייט פון אונדזער גרעסטן חורבן. אויף דעם געביט איז געווען אַ שוויגעניש...., וואָס האָט אַנגעכאַפּט ביים האַלדז — ממש דערשטיקט צו ווערן!

מיין לעצטע באַגעגעניש (אויך על פּי צופאַל) מיט פּאָלאַקן, שוין איינגעזעסענע אויסטראַלישע בירגער פון מעלבורן, איז פאָרגעקומען דעם היי־יאָריקן ערב־ניי־יאָר, ווען איך בין איינגעלאַדן געוואָרן אין אַ יידישער היים אויף אַ פּריוואַטער „פּאַרטי" צו באַגריסן דאָס יאָר 1982. צווישן די איינגעלאַדענע געסט האָבן זיך אויך געפונען פּאָלאַקן — אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען באַפריינדעט מיט אַ טייל פון דער היגער יידישער געזעלשאַפט. עס איז פאַר מיר געווען אַ געוויסער סורפּריז, אַז פון די פאַרשיידענע עטנישע עלעמענטן — אַ חוץ יידן — מיט וועמען איך טרעף זיך פון צייט צו צייט, האָבן די פּאָלאַקן אין מעלבורן אַרויסגעוויזן דעם שטאַרקסטן ווילן אויפצוהאַלטן זייער אידענטיטעט.

די „פּאַרטי" האָט זיך אָנגעהויבן מיט „אַ לחיים" לכבוד דעם נייעם יאָר 1982 און די שמועסן זענען אָנגעגאַנגען לויט דעם נאָרמאַלן אויסטראַלישן שטייגער. מען האָט גערעדט צום ערשטן, וועגן וועטער, וועגן ספּאָרט — דער עיקר וועגן טעניס — און אויך באַרירט אַ ביסל וועגן אויסטראַלישער און אַלוועלטלעכער פּאָליטיק.

דערוואַרעמדיק זיך פון די מערערע „לחיים׳ס" איז מען צוגעקומען צו דער הויפּט־טעמע „די פּוילישע טראַגעדיע" און דאָ האָבן שוין אַלע פּאָלאַקן — געסט אָנגעהויבן צו רעדן און צו שטעלן פראַגן און עס איז טאַקע געווען ווי אין פּסוק שטייט: „ויפתח ה׳ את פּי האָתון" מיט דער גאַנצער פּאַרע...

וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן אויף די פאַרשיידענע פראַגן, געשטעלטע דורך די פּוילישע געסט צו מיר און צו אַנדערע יידן, געוועזענע פּוילישע „נייטיוווס" און די ענטפערס וואָס זענען געגעבן געוואָרן. אויף וואָס איך וויל זיך יאָ אָפּשטעלן זענען די צוויי פראַגן, וועלכע זענען געווען אויסשליסלעך געווענדעט צו מיר און די ענטפערס וואָס איך האָב געגעבן.

פראַגע נר. 1 : די פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט איז פול מיט באַריכטן וועגן דער לאַגע אין פּוילן. דער אַלאַרם איז אַזוי גרויס, אַז מען האָט עס אַפילו געגעבן אַ ספּעציעלן נאָמען: „די פּוילישע טראַגעדיע". פאַרוואָס שווייגט די יידישע פּרעסע? פאַרוואָס שווייגט די יידישע עפנטלעכע מיינונג? פאַרוואָס איז אַזאַ טויטע שטילקייט ביי פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פון די פּוילישע יידן? צי איז די דאָזיקע שווייגעניש נישט קיין סימן פון צופרידנקייט?

ענטפער נר. 1 : די געשיכטע האָט ליב זיך איבערצוחזרן און זי חזרט זיך איבער טיילמאָל אין אַ בלוטיקער ליצנות.

95 פּראָצענט פון פּוילישן פאָלק האָבן געשוויגן, בשעת מען האָט זייערע קרוב 1000־יאָריקע שכנים געשאָכטן און געמאָרדעט אויף בעסטיאַלישע אופנים. דאָס שווייגן איז דאָך געווען בולט און קלאָר, אַז די 95 פּראָצענט פּאָלאַקן זענען מסכים געווען מיט דער דאָזיקער בלוטיקער וואַקכאַנאַליע, וואָס די נאַציס האָבן אויסגעפירט. זיי האָבן פאַרווירקלעכט דעם פּוילישן טרוים: „פּוילן אָן יידן". דער אונטערשייד פון אייער שווייגן דאַן ביז אונדזער שווייגן היינט באַשטייט אין דעם, וואָס איר האָט געשוויגן ווען אַרום אונדז האָט געבושעוועט מאָרד און טויט. מיר שווייגן ווען אַרום אייך, בעסער געזאָגט דער באַפעלקערונג פון היינטיקן קאָמוניסטישן פּוילן פעלט אַ ביסל פרייהייט און עס פעלט אַ ביסל ברויט...

צווייטע פראַגע : צי האַלט איר נישט — אַלס אַן אַלטער יידישער סאָציאַליסט — אַז די אידייע „קאָמוניזם מיט אַ מענטשלעך פּנים", וואָס איז אַזוי ברוטאַל ליקווידירט געוואָרן אין טשעכיע און אונגאַרן, און חזרט זיך איצט איבער אין פּוילן, וועט זיך אין 1982 אויסווירקן שטאַרקער און ווירקזאַמער אויף די קאָמוניסטישע לענדער און אויך אויף די קאָמוניסטישע אָנהענגער איבער דער גאָרער וועלט?

ענטפער : דערפאַרונגען ציען זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער געשיכטע און ספּעציעל דער בלוטיקער

---

האָט אַ גאָר גרויסע באַדייטונג), אָבער אויך און הויפּטזאַכלעך אויף אַ נישט שריפטלעכן סטראַטעגישן אַליאַנס צווישן אַמעריקע און ישראל, וואָס איז אין געמיינזאַמען געאָפּאָליטישן אינטערעס פוןביידע לענדער. ביידע פּאָליטישע פּאַרטייען אין אמעריקע שטרייכן אונטער דעם דאָזיקן פאַקט.

וואָס שייך דער רעיגען־אַדמיניסטראַציע אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז פרעז. רעיגען איז אַ פריינד פון ישראל און מאַכט פון דעם נישט קיין סוד. ערשט לעצטנס האָט ער אונטערגעשטראָכן דעם סטראַטעגישן ווערט פון ישראל פאַר אַמעריקע באַטאָנענדיק, אַז ישראל קאָן אויפשטעלן אַן אַרמיי פון 700.000 און „ווען זיי וואָלטן דאָרטן נישט געווען, וואָלט די אַמעריקאַנער אַרמיי דאָרט געמוזט זיין".

סאָדאַר, נאָכדעם ווי די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע האָט פאַרהאַנגען דעם „סטראַטעגישן מעמאָראַנדום״ אַלס שטראָף קעגן ישראל, פאַר אַנעקסירן דעם גולן.

טראָץ דעם „הולאַבאַלו״ פון דער וועלט־פּרעסע און... פון „דזשערוזאַלעם פּאָסט״ האָט זיך די „וועלט נישט איינגעבראָכן״.

צו דער אַנטוישונג פון די אַלע „גוטע פריינד״ זענען די באַציאונגען צווישן אַמעריקע און ישראל היינט־צו־טאָג נישט אַנדערש, ווי זיי וואָלטן געווען, ווען די בעגין־רעגירונג וואָלט נישט צעשטערט דעם איראַקישן אַטאָם־רעאַקטאָר, וואָס איז געווען פאַרטיק און גרייט צו פּראָדוצירן אַטאָם־באָמבעס צו פאַרטיליקן דאָס לאַנד און פאָלק ישראל.

די אַלע געשעענישן (אפילו ווען זיי וואָלטן איבערהויפּט נישט פּאַסירט) האָבן נישט געהאָט קיין שום איינפלוס אויף דער דעציזיע צו פאַרקויפן די „איוואַקס״־עראָפּלאַנען און אַנדערע קריגס־מכשירים צו סאודי אַראַביע.

דער מעמאָראַנדום פאַר „סטראַטעגישער צוזאַמענאַרבעט״ צווישן אַמעריקע און ישראל איז אונטערגעשריבן געוואָרן נאָכן פאַרניכטן דעם אַטאָם־רעאַקטאָר און נאָכן באָמבאַרדירן די פּ.ל.אָ. הויפּט־קוואַרטיר.

צי האָט מדינת ישראל בכלל געדאַרפט האָבן דאָס „סטראַטעגישע מעמאָראַנדום״ אין דער פאָרם און אינהאַלט, ווי עס איז צושטאַנדגעקומען, איז זייער צווייפלהאַפט. איך גלויב, אַז דער „סטראַטעגישער מעמאָראַנדום״ איז געווען אַ סטראַטעגישער פעלער פון גענעראַל אריק שרון און איך וואָלט נישט געווען איבעררעאַשט, אַז בעגין האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון דעם מעמאָראַנדום...

דאָס פאַרהעלטעניש צווישן אַמעריקע און מדינת ישראל איז באַזירט אויף אומצושטערבאַרע יסודות.

ווען די קאַרטער־אַדמיניסטראַציע האָט געפּרוווט אויסאיבן אַ דרוק אויף ישראל פאַר ברייטע קאָנצעסיעס האָט גענעראַל דזשאָרזש קימען (נאָר וואָס פּענסיאָנירט פון אַמט, אַלס הויפּט פון אמעריקעס לופטפלאָט־אינטעלעדזשענס 1977) אָפן געוואָרנט:

„צוערשט און פאַר אַלעם זעט מיר די איצטיקע רעגירונג אויס, אַז זי באַגרייפט נישט דאָס, וואָס פאַר מיר אַלס אַמעריקאַנער איז דער העכסטער און וויכטיקסטער לעבנספאַקט, וואָס שייך ישראלס ראָל אין דעם מיטעלן מזרח און דאָס איז: מדינת ישראל איז דער איינציקער שליסל צו באַלאַנסירן דעם סאָוויעטישן אימפּעריאַליזם אין דעם מיטללענדישן ראַיאָן״.

גלייכצייטיק האָט דער גענ. הויפּט פון דער לופטכוחות־אינטעלעדזשענס געוואָרנט, אַז אויפן סמך פון רעפּאָרטן (וואָס נאָר אַ פאַר אַמעריקאַנער האָבן צוטריט צו זיי) איז ער איבערצייגט, אַז די אַראַבישע הערשער צילן קאָמפּראָמיסלאָז „צו דער טאָטאַלער עקסטערמינאַציע פון ישראל אלס אַ מדינה און אַלס אַ פאָלק״.

עס איז אָנצונעמען, אַז אויך די ציווילע הויכע באַאַמטע פון דער אַדמיניסטראַציע ווייסן דאָס אַלץ, אָלאָ וואָס, די ציווילע אַדמיניסטראַציע וואָלט געוואָלט „עסן דעם קוכן און גלייכצייטיק האָבן דעם קוכע״. די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציעס (די רעפּובליקאַנישע, ווי אויך די פריערדיקע, די דעמאָקראַטישע) שטרעבן צו באַלאַנסירן די אַמעריקאַנער אינטערעסן. די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן; דעם פרידלעכן פלוס פון אויל און דעם צוריקפלוס פון די פּעטראָל דאָלאַרן, אַלס באַצאָלונג פאַרן עקספּאָרט פון פאַרשידענע סחורות, הויפּטזאַכלעך וואָפן.

בכדי אָנצוגיין מיט זייערע אינטערעסן אויף אַ גלאַטיקן אופן, שטרעבט די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע אויסצואיבן אַ דרוק אויף ישראל פאַר קאָנצעסיעס, גלויבנדיק, אַז דער קערן פון דעם סטראַטעגישן יסוד, וואָס ישראל שטעלט מיט זיך פאָר פאַר אמעריקע, וועט נישט באַשעדיקט ווערן. אויב ישראל וועט ווערן אַ ביסל שוואַכער, אי״ז גם זו לטובה, זי וועט ווערן נאָך מער אָפּהענגיק פון אמעריקע. די מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן די פּראָאַראַבישע און פּראָ־ישראלדיקע עלעמענטן אין דעם פּאָליטן ספּעקטרום אין אמעריקע, באַוועגן זיך אין די ראַמען, ווי ווייט מ׳קאָן דריקן אויף ישראל אין דעם אַקראָבאַטישן באַלאַנסירונגס־אַקט פון די אַמעריקאַנער אינטערעסן.

לײדער באַוועגט זיך דער באַלאַנסירונגס־אַקט קעגן די אינטערעסן פון מדינת ישראל, ווייל דער איינפלוס פון די פּראָ־אַראַביסטן איז זייער שטאַרק. דער גענ. פאַרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר אויסערלעכע ענינים אינעם סענאַט, גענ. סענאַטאָר (דעמאָקראַט) פולברייט איז היינט־צו־טאָג אַן אָפיציעלער „לאָביאיסט״ פאַר די אַראַבישע לענדער. געוועזענער אונטערשטאַטס־סעקרעטאַר דזשאָרזש באָל (דעמאָקראַט) איז פאַרבונדן מיט אַ באַנק, וואָס פאַרוואַלטעט מיט פּעטראָ־דאָלאַרן. זיין פּראָ־אַראַבישע שטעלונג איז באַקאַנט. גענ. פינאַנס־מיניסטער דזשאָרזש שולץ (רעפּובליקאַנער), וואָס האָט אַספּירירט אויפן אַמט פון שטאַטס־סעקרעטאַר אין דער רעיגען־אַדמיניסטראַציע שטייט אין שפּיץ פון דער בעכטעל קאָרפּאָראַציע, וואָס בויט מיליטערישע באַזעס אין סאודי אַראַביע פאַר טויזנטער מיליאָנען דאָלער. זיי אַלע באַאיינפלוסן די אַמעריקאַנער פּאָליטיק.

אגב, דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער קאַספּאַר וויינבערגער איז דער גענ. וויצע־פּרעזידענט פון דער בעכטעל־קאָרפּאָראַציע...

ואף על פי כן זענען די אינטערעסן און פאַרפליכטונגען פון אַמעריקע פאַר דער זיכערקייט פון ישראל אַזוי שטאַרק היינט־צו־טאָג, ווי פריער און אין די סטראַטעגישע באַציאונגען, וואָס אַנטוויקלען זיך איצט, וועלן זיך די פאַרפליכטונגען פאַר דער זיכערקייט פון מדינת ישראל נאָך מער פאַרשטאַרקן.

די באַציאונגען צווישן אַמעריקע און מדינת ישראל שטיצן זיך נישט בלויז אויף די מאָראַלישע און הומאַניטאַרע ווערטן אין גייסט פון אמעריקאַנער פאָלק (דאָס

איז נישט מער, ווי אַן אילוזיע. אַן אַנאַליז פון תכלית אין דעם קאָמוניקאַט ווייזט אויף, אַז דער גאַנצער עסק איז כמעט גאָרנישט מיט גאָרנישט.

דער קאָמוניקאַט איז אַ פּרווו צו פאַרדעקן אַ שפּאַלטונג, וואָס אַנטוויקלט זיך צווישן אמעריקע און אירע פאַרבינדעטע אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אַמעריקע צוריק אויפגעבויט מערב־אייראָפּע פון די מלחמה־חורבות מיט מאַסיווער שטיצע פון קאַפּיטאַל, באַפרייט דייטשלאַנד פון קריגס־רעפּאַראַציעס. דער הויפּט־ציל פון אמעריקע איז געווען: אויפצושטעלן אַן עקאָנאָמיש פּראָספּערירנדיקע אייראָפּע, וואָס זאָל זיין בכוח מיט דער הילף פון אַן אַליאַנס מיט אַמעריקע זיך צו פאַרטיידיקן קעגן דעם דרוק פון דער סאָוויעטישער מאַכט. שווערע אוצרות האָט אַמעריקע איינגעבראָקט אין דער אַליאַנס, באַקאַנט מיט דעם נאָמען „נאַטאָ". אַ האַלבער מיליאָן אַמעריקאַנער מיליטערישע מאַנשאַפט איז סטאַציאָנירט אין אייראָפּע. הינטער „די אַמברעלאַ" (דעם שירעם) פון אַמעריקאַנער מיליטערישער אָנוועזנהייט פילט זיך אייראָפּע זיכער.

אָבער פילנדיק זיך זיכער אונטער דעם אַמעריקאַנער „שירעם" האָט ווילי בראַנד באַשלאָסן צו געניסן פון בידע וועלטן. אזוי האָט ער איינגעלייטעט זיין „אָסט פּאָליטיק". אין דער אַנטוויקלונג פון דער „אָסט־פּאָליטיק" האָט די קאָאַליציע פון בראַנד און זיין נאָכפאָלגער קאַנצלער שמידט, אין משך פון איין דעקאַדע פאַרוואַנדלט דייטשלאַנד אין אַן אייראָפּעאיש־קאַפּיטאַליסטישן הינטערגאָרטן פאַר דעם סאָוויעטישן בלאָק. אַ דאַנק אייראָפּעאישע קרעדיטן ווערן געליפערט צום סאָוויעטישן בלאָק מאַטעריאַלן און אַרטיקלען פון הויכער טעכנאָלאָגיע. די רעדער פון דער אינדוסטרי דרייען זיך פאַרן סאָוויעטישן בלאָק. די קרעדיט־קאָנטעס וואַקסן. אַן איבעררייס אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג איז עלול חרוב צו מאַכן דעם אייראָפּעאישן באַנק־וועזן און אריינוואַרפן די דייטשע עקאָנאָמיע אין אַ ווירוואַר.

דער דאָזיקער צושטאַנד איז די הויפּט־סיבה פון די מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן אַמעריקע און דייטשלאַנד, אין זייערע באַציאונגען צום סאָוויעטישן בלאָק. די ממשותדיקייט פון דער נאַטאָ־אַליאַנס ווערט באַצווייפלט.

די גוואַלטיק גרויסע אַנטי־אַמעריקאַנער דעמאָנסטראַציעס אין דייטשלאַנד, האָלאַנד, איטאַליע זענען עלול צו זיין דער קאַטאַליסט פאַר אַ צוזאַמענברוך פון דער „נאַטאָ־אַליאַנס".

אינטערעסאַנט איז אין דעם צוזאַמענהאַנג די נייע פּאָליטישע אָריענטאַציע פון פראַנקרייך. פראַנסואָ מיטעראַן. די נייע פּראָ־אַמעריקאַנער איינשטעלונג און די מיינונגס־פאַרשידנהייטן מיטן קאַנצלער שמידט. די אָפּקילונג פון דער קאָרדיאַלער פאַרהעלטעניש מיט דייטשלאַנד.

די ווירקלעכקייט פון דער נייער פראַנצויזישער ווענדונג רעפלעקטירט אַ זאָרג, וואָס די פּאָליטיקער האָבן מורא ארויסצוברענגען איבערן מויל. פראַנקרייך האָט זיך געקאָנט דערלויבן אויף אַ זעלבשטענדיקע אַנטי־אַמעריקאַנער שטעלונג אַ דאַנק... דער אַמעריקאַנער אַרמיי וועלכע סטאַציאָנירט אין דייטשלאַנד... אויב אָבער אַמעריקע — טיף אַנטוישט אין אירע פאַרבינדעטע אויפן אייראָפּאישן קאָנטינענט, וועט צוריקציען אירע כוחות פון דייטשלאַנד (וואָס ד"ר קיסינדזשער זעט פאָראויס פאַר מעגלעך און אפילו וואַרשיינלעך), וועט די „פינלאַנדיזאַציע" פון דייטשלאַנד ברענגען דעם סאָוויעטישן בלאָק צו די פראַנצויזישע גרענעצן...

דער פוילישער פּאָליטישער קריזיס און דער עקאָנאָמישער צוזאַמענברוך האָבן בולט געמאַכט די פּאַטאַלע פאַרוויקלונג פון די מערב־אייראָפּאישע לענדער אין דעם סאָוויעטישן בלאָק.

די אייראָפּאישע בענק זענען די הויפּט־קרעדיטאָרן. פוילן צאָלט נישט און האָט נישט בדעה צו צאָלן. די בענק דערקלערן איר נישט באַנקראָט, ווייל אויב זיי וועלן „אָפּשרייבן" אַלס אַ פאַרלוסט די פוילישע חובות, וועלן די בענק זיך אליין געפינען אין פינאַנסיעלע שוועריקייטן. לויט די לעצטע ציפערן האַנדלט עס זיך אין 28.5 ביליאָנען דאָלער.

שטעלט זיך די פראַגע: ווו זענען די שווערע געלטער אַהינגעקומען?

אַ בליק אין טעלעוויזיע אויף דער מאַרשירנדיקער פוילישער אַרמיי, גוט אויסגעשטאַט. כמעט אַ האַלבער מיליאָן זעלנער אין אוניפאָרם. דאָס איז אַלץ פאַר די געלטער פון די מערב־אייראָפּאישע בענק. אינטערעסאַנט איז אויך און אפילו מיסטעריעז: באַטראַכטנדיק די פוילישע מאַסן, געזען אין טעלעוויזיע, זעט מען שיין און פיין געקליידטע און זאַטע מענטשן.

גלייכצייטיק קומען אָן ידיעות וועגן אַ נייער אַנטיסעמיטישער כוואַליע. יידן ווערן באַשולדיקט, אַז זיי דאַרפן נישט שטיין אין „אָטשערעט", ווייל זיי האָבן באַהאַלטן דאָס עסנוואַרג, פאַנטאַמע, נישט עקזיסטירנדיקע יידן. אַנטיסעמיטישע פלוג־בלעטער און די אָפיציעלע באַגלייטער פון טוריסן און שול־קינדער צו די טויטן־לאַגערן פאַרלייקענען די שואה. די אומגעקומענע אין די לאַגערן זענען געווען פּאָלאַקן און נישט קיין יידן...

## די באַציאונגען צווישן ישראל און אמעריקע

די וועלט־פּרעסע שטרייכט אונטער (מיט צופרידנקייט) אַז די באַציאונגען צווישן אַמעריקע און ישראל געפינען זיך אויף דעם נידריקסטן גראַד זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. — פאַרשטייט זיך — שולדיק איז די בעגין־רעגירונג.

אָט ווערט ישראל אינגאַנצן איזאָלירט, פאַרלירנדיק דעם איינציקן באַשיצער — אַמעריקע. די סיבות זענען: די בעגין־רעגירונג האָט צעשטערט דעם אַטאָם־רעאַקטאָר אין באַגדאַד; האָט באַמבאַרדירט די הויפּט־קוואַרטיר פון דער פ.ל.א. און צו פאַרענדיקן דאָס יאָר 1981 — האָט זי אַנעקסירט רמת גולן.

נאָך אַ גאָר גרויסער חטא איז די „ליטאַניע", וואָס בעגין האָט פאַרגעלייענט דעם אַמעריקאַנער אַמבאַ־

ד״ר מ. פערשטענדיק

# אויפן שוועל פון 1982

**(אַ בינטל געדאַנקן)**

דער אָנהויב פון אַ קאַלענדאַר־יאָר איז טראַדיציאָנעל די צייט ווען פּאָליטיקער און די וועלט־פּרעסע באַמיען זיך אָפּצושאַצן דאָס פאַרגאַנגענע יאָר אין אַ קלאָרער פּערספּעקטיוו און אָנצודייטן אַנטוויקלונגען אין אַלגעמיינע שטריכן אויף דער וועלטס פּאָליטישער סצענע, אין דעם קומענדיקן יאָר.

## דאָס יאָר פון טעראָר

זוכנדיק אַן אַנטשפּרעכנדע באַצייכנונג פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן די קאָמענטאַטאָרן אָנגערופן דאָס יאָר 1981 אַ יאָר פון טעראָר.

אין איין יאָר אַ שאָס־אַטענטאַט אויפן אַמעריקאַנער פּרעזידענט, אויף דעם פּויפּסט (בײדע פאַרוווּנדעטע) און אַ ספּעקטאַקולאַרן אַטענטאַט אויף אַנוואַר סאַדאַט, דערשאָסן בעת אַ מיליטערישן פּאַראַד.

די דריי גרויזאַמע געשעענישן האָבן שאָקירט די וועלט.

געווען אויך אַנדערע גרויזאַמע טעראָר־אַקטן, אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר און פריער. זיי האָבן ווייניקער שאָקירט די וועלט.

אַ באָמבע־אויפרייס פאַר דער שול אין פּאַריז. דער פראַנצויזישער מיניסטער פונעם געוו. זשיסקאַר ד׳עסטיין־רעזשים האָט באַדויערט אין פּאַרלאַמענט, אַז די באָמבע, וואָס איז געווען געצילט קעגן ייִדן, האָט דערהרגעט אומשולדיקע פראַנצויזן אויף דער גאַס... אַ באָמבע האָט אויפגעריסן די ספרדישע שול אין אַנטווערפּן און אַ טייל פון דעם אַלטן ייִדישן דיאַמאַנטן־קוואַרטאַל. אַן אַראַבישער טעראָריסט האָט אַריינגעוואָרפן אַ האַנט־גראַנאַט אין קינדערגאָרטן. אַ באָמבע פאַר דער שול אין קרייסקיס ווין און אַנדערע.

דער פענאָמען, וואָס ווערט באַצייכנט מיט דעם נאָמען „שטאַטישער טעראָר״ — האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פּ.ל.אָ. טעראָר־אַקטן אין מדינת ישראל. באָמבעס אין סופּערמאַרקעטס; אויף די אויטאָבוסן־סטאַציעס; אין אויטאָבוסן גופא; פאַרכאַפּן שולן מיט קינדער; הייזער אין די גרענעץ־שטעטלעך; אַ בלוט־באָד אויפן אַעראָדראָם אין לוד; די מגפה פון קידנעפּן עראָפּלאַנען. — די ליסטע איז זייער אַ לאַנגע.

היות די אַלע טעראָר־אַקטן זענען געווען געווענדט קעגן ייִדן, איז די וועלט נישט געווען שטאַרק איבערגענומען...

פאַראַן אַ טרויעריקע איראָניע אין דעם פינצטערן געשפּענסט: אַ דאַנק ישראלס קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף אויסצוראָטן די טעראָריסטן, געפינען זיך די טעראָר־באַנדעס אין דעפענסיווע, וואָס שייך ישראל, אָבער די זעלבע טעראָריסטן בושעווען אין דער מערב־וועלט.

אין די פּ.ל.אָ.־לאַגערן ווערן אויסגעשולט, באַוואָפנט און פינאַנסירט טעראָריסטן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלי־טעטן, פון פאַרשידענע פּאָליטישע שאַטירונגען, פון רויטע פאַשיסטן, אַנאַרכיסטן ביז נעאָ־נאַציס.

דערמאָנט דאָס, וואָס דער דייטשער פּאַסטאָר מאַרטין נימעלער האָט אַמאָל געזאָגט: „ווען די היטלעריסטן האָבן באַקעמפט די ייִדן, האָב איך נישט פּראָטעסטירט. איך בין נישט קיין ייִד. ווען זיי האָבן פאַרשפּאַרט די סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, געווערקשאַפטלער, האָב איך נישט פּראָטעסטירט. איך געהער נישט צו דער קאַטעגאָריע. ווען זיי האָבן אָנגעהויבן די אַקציע קעגן די קאַטאָליקן, האָב איך נישט פּראָטעסטירט, איך בין נישט קיין קאַטאָליק. ווען זיי האָבן מיך פאַרשפּאַרט איז קיינער מער נישט געווען צו פּראָטעסטירן״...

דאָס יאָר 1981 האָט זיך פאַרענדיקט מיט קידנעפּן דעם גענעראַל דאָזיער, איינעם פון די העכסטע אַמעריקאַנער אָפיצירן פון נאַטאָ און דאָס יאָר 1982 האָט זיך אָנגעהויבן מיט דערמאָרדן דעם אַמעריקאַנער מיליטערישן אַטאַשע אין פּאַריז, אין מיטן העלן טאָג.

די מערב־וועלט קאָן נישט ארויפוואַרפן די שולד פאַר דער טעראָריסטישער אַנאַרכיע אויף קיינעם. זיי אַליין: אירע פּאָליטיקער, איר פּרעסע, די זשורנאַליסטן, די רעפּאָרטערן, זיי אַלע טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דערלויבן די אַנטוויקלונג פון דער טעראָר־מגפה אין דער מערב־וועלט.

קרייסקי און ווילי בראַנדט פאָטאָגראַפירן זיך מיט יאַסער אַראַפאַט; לאָרד קאַרינגטאָן רעדט וועגן אַ טרעפונג מיט אַראַפאַטן; דער פירער פון דער אויסטראַלישער אַרבעטער־פּאַרטיי ביל היידען איז עולה רגל געווען צו טרעפן זיך מיט אַראַפאַטן; צי ווייסן זיי נישט, אַז יאַסער אַראַפאַט איז דער אַב הטומאה פון דער טעראָר־מגפה?!

## אמעריקע, מערב אייראָפּע, פּוילן און... ייִדן

דער פּאָליטישער פרילינג אין פּוילן האָט זיך פאַרענדיקט מיט איין קלאַפּ. גענעראַל יאַרוזעלסקי האָט דערקלערט קריגס־צושטאַנד. אָפּגעשניטן די טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד און אין פּוילן גופא — צווישן די שטעט. טויזנטער מיטגלידער פון „סאָלידאַרנאָשטש״ זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. פּוילישע גרובן־אַרבעטער — דערשאָסן..

אַמעריקע און די מערב־אייראָפּעאישע לענדער זענען אויפגעבראַכט געוואָרן. אָבער באַלד זענען צום אויבערפלאַך ארויפגעשוווּמען מיינונגס־פאַרשידנהייטן, וואָס רעפלעקטירן צוויי פאַרשידענע שיטות, וועלכע באַדראָען די עקזיסטענץ פון דער אַליאַנס און אויך מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

דער געמיינזאַמער קאָמוניקאַט פון די נאַטאָ־אַלירטע (אונטער דעם דרוק פון אַמעריקע) דערמאָנט סאַנקציעס, אָבער די אָפּגעראַטעוועטע „איינהייט״ פון דער אַליאַנס

די פעלקער פון מערב האָבן געצאָלט אַ בלוטיקן פּרייז פאַרן זיג איבערן נאַציזם. (אַחוץ דעם ייִדישן פּרייז — די פאַרניכטונג פון אַ גאַנץ פאָלק).

די פעלקער פון מערב וועלן ווידער מוזן צאָלן פאַר די פעלערן, וועלכע זייער פירער האָבן געמאַכט, און מאַכן נאָך אַלץ.

די מערב־פעלקער לעבן מיט דער פאַלשער אילוזיע, אַז די פאַלאַקן, די טשעכן אָדער די אונגאַרן וועלן פאַריכטן די פעלערן, און ס׳וועט זיי אויסמיידן די פראָנטאַלע קאָנפראָנטאַציע מיט דער סאָוויעטישער טיראַניע.

דער פאָליטישער באַראָמעטער ווײַזט — אַז דער אָנקומענדיקער שטורעם, וועט נישט אויסמיידן דעם מערב.

## צום 71טן יאָר

די „קדימה" טרעט אַריין אין 71טן יאָר פון איר עקזיסטענץ.

דאָס איז אַ מערקווירדיקע דערגרייכונג פון אַ לאָקאַלער אינסטיטוציע, וואָס איז פון אַ קליינער ביבליאָטעק, פון אַ זאַמל־אָרט פון איינזאַמע אימיגראַנטן — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָנגעזעענעם, בכבודיקן און איינפלוסרייכן קולטור־צענטער אין מעלבורן.

דער וווּקס און אַנטוויקלונג פון „קדימה" איז געקומען אַ דאַנק די כסדרדיקע נייע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע דער אימיגראַנטן־שטראָם האָט פאַרטראָגן צו אונדזערע ברעגן. זיי האָבן מיטגעבראַכט אידעאַלן, געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונג און די באַדערפעניש צו לעבן מיט די דאָזיקע אידייען.

די טוער זענען געקומען פון מזרח־אייראָפּע, דער עיקר — פון פּוילן.

דער מזרח־אייראָפּעישער רעזערוואַר פון טוער איז מער נישטאָ. אונדזער אָריענטאַציע מוז גיין אויף אינעווייניק. פון צווישן די, וועלכע שטייען נאָך ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט דאַרפן מיר געפינען די נויטיקע כוחות ווייטער אויפהאַלטן און פאַנאַנדערבויען דעם געזעלשאַפטלעכן פענאָמען — וואָס הייסט „קדימה".

נישט אַלע פון צווישן אונדז גיבן זיך אָפּ אַ רעכענונג פון דער וויכטיקער אויפגאַבע וואָס שטייט פאַרן קליינעם הייפל טוער — פון איין זייט, און פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבן — פון דער צווייטער.

די צייט איז נישט קיין גינסטיקע פאַר ייִדיש לשון; פאַר קולטורעלער אַנטוויקלונג אין דער ייִדישער שפּראַך; פאַרן וווּקס פון אינסטיטוציעס פון ספּעציפיש־ייִדישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער — ווי ס׳איז די „קדימה"; ס׳ווערן ווייניקער טוער; ס׳פאַרקלענערט זיך די צאָל ייִדן, וואָס האָבן אַ באַדערפעניש זיך אויסצולעבן אין ייִדיש; אין אָנטיילנעמען אין קולטור־אונטערנעמונגען אין ייִדיש; אין אַרויסווייזן אינטערעס פאַר לאָקאַלע ייִדיש־פּראָבלעמען.

די וואָס שטייען ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, קאָנען נישט פאַרמאַכן די אויגן און בלינדערהייט פאַרבייגיין די פאַקטן.

צום גליק פון דער „קדימה" זענען אירע טוער פון אַ ייִנגערער גענעראַציע און פאַרמאָגן נאָך גענוג געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און וויטאַליטעט נישט נאָר אויפצוהאַלטן די אינסטיטוציע אויף דעם ניוואָ, ווי זי איז היינט — נאָר אויך געפינען נייע געביטן פון אַקטיוויטעט, וואָס קאָנען פאַראינטערעסירן ברייטע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

מאַכנדיק דעם לאָגישן אויספיר פון די פאַקטן פון לעבן, וועלכע מען קאָן נישט ענדערן און מיט וועלכע מען קאָן זיך בלויז ראַנגלען — וואָלטן די אַלע, וועלכע האָבן זייער לעבנס־אידעאַל און נאַציאָנאַלע געפילן פאַרבונדן מיט ייִדישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווי די איינציקע מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן ייִדישקייט, ווי אַ לעבנס־וועג — און ייִדן, ווי אַ פאָלק — וואָלטן די מענטשן מיט אָנערקענונג און וואַרעמקייט געדאַרפט אויפנעמען די רעזולטאַטן פון דער טעטיקייט, וועלכע די „קדימה" פירט.

צום באַדויערן האָבן אפילו די בעסטע צווישן אונדז, אין זייער לאַנגן לעבנסוועג נישט באַוויזן אויסצוואָרצלען פון זיך יענע מענטשלעכע שוואַכקייטן וואָס האָבן צעשטערט אימפּעריעס, אומגעבראַכט לענדער.

די שוואַכקייטן פון פּערזענלעכע אַמביציעס, דער ווילן אָפּצוהאַלטן קליינע, פּערזענלעכע „זיגן", אפילו ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט אונטערמינירן די עקזיסטענץ פון דער אינסטיטוציע; פון וועלן באַזייטיקן מענטשן, כדי צו פאַרנעמען פּאָזיציעס, אַלס באַפרידיקונג פון פּערזענלעכע אַמביציעס און צום שאָדן פון כלל.

אין דער דאָזיקער ערנסטער שעה, איז נויטיק אויסצורופן:

### לא זו הדרך!

צי זענען מיר איבערצייגט, אַז דער רוף וועט דערהערט ווערן? לײַדער איז נאָך אַלץ גילטיק דער כלל, אַז:

„די וועלכע צעשטערן די געזעלשאַפט זענען די זעלבע מענטשן וואָס האָבן אויפגעבויט די געזעלשאַפט".

דאָך: עס טליעט אין אונדז דער פונק פון האָפענונג, אַז דער שכל הישר און די געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט פאָרט אָפּהאַלטן אַ זיג איבער פּערזענלעכע אַמציציעס...

שטייען מיר פאַר דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 71טן לעבנס־יאָר פון „קדימה". מיר קאָנען זיך נישט פאַרגינען צו צעשטערן און בויען אויפסניי. ביים צעשטערן פאַרלירן מיר אונדזערע שוואַכע כוחות, און צום בויען וועלן זיי שוין נישט סטייען.

בלייבט אונדז בלויז צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען אויפצוהאַלטן דאָס דערגרייכטע, אויף וויפל מיר האָבן די מעגלעכקייט (און די פיזישע און גייסטיקע קאַפּאַציטעט).

מיר זעען נישט די מאַסן הינטער אונדז, וועלכע וועלן דעם וועג פאַרזעצן. מיר זעען אפילו נישט די יחידים...

כל זמן מיר זענען נאָך דאָ, לאָמיר געניסן די פרוכטן פון אונדזער אויפטו.

מ. אַ.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע : "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

פעברואַר־מערץ 1982 | נומער 1 (30) | מעלבורן־אויסטראַליע

## פעלערן — וואָס זענען זיך נוקם

פּאָליטישע געשעענישן זענען אָפּט דער שווימענדיקער אייזבאַרג — פון וועלכן מיר זעען בלויז דעם שפּיץ. עס וועט דעריבער אויסקומען אַביסל נישט פאַרשטענדלעך, ווען מיר ווען באַמערקן, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פּאָליטישע אומרוען אין מזרח־אייראָפּע: (פּוילן — היינט; טשעכאָסלאָוואַקיע 1968; אונגאַרן — 1956) טראָגן די מערב־פּאָליטיקער פון די פערציקער, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די פּרעזידענטן רוזוועלט, טרומאַן, און דער ענגלישער פּרעמיער טשערטשיל.

די סאָוויעטישע פאַרבינדעטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן נישט נאָר געהאָלפן רוסלאַנד און אייראָפּע צו באַפרייען זיך פון נאַציזם — זיי האָבן אויך אומדירעקט געהאָלפן ראַטעווען דעם סאָ־וויעטישן קאָמוניזם.

די אָפּמאַכן פון יאַלטאַ און פּאָטסדאַם זענען שאַנד־דאָקומענטן פון צוואַנציקסטן י. ה.

דער ווערסאַלער טראַקטאַט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געגעבן אומאָפּהענגיקייט די מינדערהייט־פעלקער, אונטערדריקט דורך דער צאַרישער אימפּעריע: ליטע, לעטלאַנד, עסטאָניע, פּוילן, פינלאַנד.

די אָפּמאַכן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די אַלע פעלקער צוריקגעשטויסן אונטערן סאָוויעטישן יאָך — פּלוס די אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע.

די קאָנצעסיעס וועלכע די אַלירטע האָבן באַקומען פון סאָוויעט־רוסלאַנד, זענען געווען ממש לעכערלעכע: מען האָט פאַנאַנדערגעלאָזן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, און רוסלאַנד האָט פאַרביטן דעם „אינטערנאַציאָנאַל" ווי דעם מלוכה־הימן, אויף אַ „לייטישן" — אַ נאַציאָנאַליס־טישן, וואָס האָט געקלונגען אין די אויערן פון אַ רוז־וועלט און טשערטשיל מער רעספּעקטעבל . . .

די רוסן ווי אַ פאָלק האָבן נישט נאָר אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבערן נאַציזם — נאָר דער באָלשעוויזם — ווי אַן אידיי האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער די מערב־דעמאָקראַטיעס, אַ זיג — אָן איין שאָס, און נישט פאַרלירנדיק קיין איין פּאַסטולאַט.

אין דער אַזוי גערופענער „דעסטאַליניזאַציע ערא", ווען דער כיטרער מוזשיק ניקיטאַ כרושטשאָוו האָט דער־לויבט צו פאַרעפנטלעכן סאָלזשעניצינס ווערק: „איין טאָג אין לעבן פון איוואַן דעניסאָוויטש" (צוליב זיינע אייגענע פּאָליטישע אויסרעכענונגען), האָבן זיך די מערב־קרעמ־לינאָלאָגן צעזונגען וועגן דער „אָדליגע" — דעם אָנזאָג פון פּאָליטישן פרילינג.

צוזאַמען מיט כרושטשאָוון, איז פאַרשוווּנדן דער איינ־גערעדטער פרילינג, ווייל באָלשעוויזם איז אַן אידיי וואָס קאָן נישט ענדערן איר איינשטעלונג; איר טאַקטיק; ווען דער מענטש באַדייט גאָרנישט און די מלוכה איז אַלץ . . .

אַפילו שוין נאָכן קריג, האָט מען צווייי „אומאָפּהענגי־קע" רעפּובליקן (ווי פּאָליטיש נאַיוו...) ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע אָנגענומען אַלס מיטגלידער פון די פאַראייניק־טע פעלקער. אַ דאַנק דעם האָבן זיי, ווי מלחמה־געליטענע לענדער, גענאָסן פון דער אויפבוי־אַרבעט און סובסידיעס פון „אונראַ", וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט געווען נישט אַנדערש ווי אַמעריקאַנער הילף פאַר מלחמה־געליטענע.

אָן דער הילף פון אַמעריקע, זענען די רוסישע שאַנסן פון געווינען די מלחמה געווען גאָר קנאַפּע.

און דאָך האָט רוזוועלט מסכים געווען, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד זאָל אַריינבאַקומען מיליאָנען אומזיסטע שקלאַפן.

די גרויסמוטיקע פּאָליטיקער (אויף יענעמס חשבון) האָבן אַפילו נישט געהאַלטן פאַר נויטיק אָנצופרעגן די בירגער פון די לענדער — צי זיי ווילן ווערן אַ טייל פון דער סאָוויעטישער איינפלוס־ספערע.

עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז פּרעז. רוזוועלטס באַראַ־טער זענען געווען פּראָ־סאָוויעטישע סימפּאַטיקער.

די טראַגישע קאָנסעקווענצן פון די אַלע אָפּמאַכן, האָט מען שוין געקאָנט זען באַלד נאָכן קריג, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער רעפּאַטריאַציע פון פּליטים, און עט־לעכע יאָר שפּעטער — צו דער „קאַלטער מלחמה".

די פעלקער פון מזרח־אייראָפּע צאָלן אַצינד דעם פּרייז פאַר דער פּאָליטישער נאַיוויטעט פון די באַרימטע מלוכה־מענער, וועלכע מען לויבט אויף צענדליקער זייטן אין געשיכטע־ביכער.

איז דאָס אויפשטעלן די קאָמוניסטישע אימפּעריע, די איינציקע שולד פון די מערב־פּאָליטיקער?

צום באַדויערן, האָבן זיי מיט אַ צוויי דעקאַדעס פריער (סוף צוואַנציקער יאָרן) געהאָלפן אויפשטעלן אַ צווייטע מאָנסטרועזע אידעאָלאָגיע: היטלער און דעם נאַציזם.

# Jewish Cultural Centre and National Library "KADIMAH"

7 Selwyn Street, Elsternwick 3185
Telephone 523 9817

Dear Sir/Madam,

I have the honour, by direction of the Board of Directors of the "Kadimah", to request your attendance at the

## 70th ANNUAL GENERAL MEETING

of the above Society, to be held on Sunday, 21st March 1982 at 8 p.m. sharp, in the new "Kadimah" building, 7 Selwyn Street, Elsternwick.

Yours faithfully
M. AJZENBUD
Hon. Secretary

### BUSINESS:

1. Confirmation of Minutes of the previous Annual Meeting.
2. Reception and Adoption of Annual Report and Balance Sheet.
3. Election of Board of Management.
4. Any other business that may occur.

NOTE: Written nominations for Directors of the Board of Management should be lodged at the office of the "Kadimah", 7 Selwyn Street, Elsternwick, not later than Friday, 19th March 1982 by 5 p.m.

M. AJZENBUD
Hon. Secretary

# ייִדישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"

7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק, טעל. 523 9817

חשובער פריינד,

לויט די אינסטרוקציעס פון קאָמיטעט האָב איך דעם כבוד צו פאַרבעטן איך

## אויף דער 70־טער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון „קדימה"

די פאַרזאַמלונג קומט פאָר זונטיק, דעם 21טן מערץ 1982, 8 אָווט אין לעאָ פינק־זאַל פון „קדימה", 7 סעלווין גאַס, עלסטערנוויק.

מיט דרך־ארץ
מ. אייזענבוד
ערן־סעקרעטאַר

טאָג־אָרדנונג:

1) איבערלייענען און באַשטעטיקן דעם פראָטאָקאָל פון דער לעצטער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג;
2) באַשטעטיקן דעם יערלעכן באַריכט פון די געלט־רעכענונגען;
3) אויסוויילן אַ נייעם קאָמיטעט;
4) אַנדערע ענינים וואָס וועלן עווענטועל אַרויס־געבראַכט ווערן.

באַמערקונג:

שריפטלעכע נאָמינאַציעס פון קאַנדידאַטן צום קאָמיטעט דאַרפן אַריינגעטראָגן ווערן אין סעקרעטאַריאַט פון „קדימה", 7 סעלווין גאַס, עלסטערנוויק, נישט שפּעטער ווי ביז מיטוואָך, דעם 17טן מערץ 1982, 5 נאָך מיטאָג.

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:

מ. א. — פעלערן וואָס זענען זיך נוקם; צום 71טן יאָר . . . . . . 1
דר. מ. פערשטענדיק — אויפן שוועל פון 1982 . . . . . . . . . . . . 3
י. אָרבאַך — די פוילישע טראַגעדיע . . . . . . . . . . 6
א. זילבער — וועגן דעם „שידוך" — יידיש־ענגליש . . . . . . . . 7
מ. אייזענבוד — די זונטיק־שול — אַ שפּראַך־שול . . . . . . . . 9
אַ. ציקערט — גאָט אין ירושלים (פּאָעמע) . . . . . . . . . . . 10
י. מ. לעווין — מיט דריי אינטשעס העכער... . . . . . . . . . 11
ה. באַכראַך — דער אויסטראַלישער זשורנאַל „קוואַדראַנט" . . . . . 14
ש. בענעט — דער ערשטער יידישער גענעראַל־גובערנאַטאָר . . . . . 17
וו. יאַבלאָנסקי — דעם קרעמלס שלאַכטשיץ . . . . . . . . . . . 18
מגר. בקציון פעלדשוה — וואַרשע 1944 (דערמאָנונג) . . . . . . . . . . 20
ח. מאַלטינסקי — דער חיה'שער פּחד... . . . . . . . . . . 22
מ. אייזענבוד — דער צעטראָטענער גלויבן... . . . . . . . . . . 23
70־טער טעטיקייטס־באַריכט פון „קדימה" . . . . . . . 25

פּרייז 1 דאָלאַר

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 1 (30) פעברואַר—מערץ 1982